UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 134 - Autumn 1999 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/41j4c6pt

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 134(1)

Publication Date
1999

Copyright Information
Copyright 1999 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

134

AUTUMN
1999

האַרבסט
תש"ס

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"*

---

**HESHBON**

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

**EDITORIAL BOARD:**

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

**ADMINISTRATIVE COMMITTEE**

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט


מ. ש.: 2000 .......... 3
א. מאַנגער: לידער .......... 5
דב סדן: צו דער 30־טער יאָרצייט פון איציק מאַנגער .......... 10
מ. שקליאַר: ליד .......... 13
ד. וואָלפּע: פון אַ גערעטע נאָכטבוך .......... 14
צ. אייזנמאַן: לידער .......... 19
ר. באַסמאַן בן־חיים: לידער .......... 21
מ. וואָלף: באַליבטע פאָלקס־טיפּן אין שלום־עליכמס שאַפן .......... 22
ש. גאָרשמאַן: וואָס טוט מען מיט דער מאַמען? .......... 32
מ. אייזענבוד: די אַספּיראַציעס פון דער מומע רייצע... (דערציילונג) .......... 33
א.מ. קליין: לידער .......... 39
א. פריילך: ליד .......... 41
מ. זאב: העברעישע און אַראַמישע ווערטער .......... 42
ש. סימכאָוויטש: אַ ניי וויכטיק ווערטערבוך .......... 50
י. גאָלדקאָרן: אַ מזל פון אַ ייד .......... 52
ע. פישבין: מצבה לזכר אַן אַלט אַלטער יידיש ספרדישער משפחה .......... 55
א. ביידער: אַפאָריזמען .......... 60
*אָנגעקומען אין רעדאַקציע .......... 61
נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב .......... 62
י. סאָסקי: אַרכיוור־ווינקל .......... 63
י. ס.: געשאַפן אַן אָפּטיילונג אין דער וואַלי .......... 65
באַגריסונגען .......... 66-71

# חשבון

**נומ. 134**

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

54־ער יאָרגאַנג, נומער 134 • האַרבסט 1999 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


# 2000

בלויז אַ קורצע צייט טיילט אונדז אָפּ פון דעם מאָמענט ווען מיר וועלן איבערמישן דאָס לעצטע בלעטל פון קאַלענדאַר און דערזען די קיילעכדיקע ציפער - 2000. און דעמאָלט וועלן מיר פיזיש אָנען, אַז עס פאַרענדיקט זיך אַן עפּאָכע, דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט און מיר טרעטן אַריבער די שוועל פון 21־טן יאָרהונדערט. איז אוודאי כדאי, איידער מיר טרעטן אַריבער אָט די היסטאָרישעש שוועל צו פאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע און פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, וואָס מיר לאָזן הינטער זיך און וואָס מיר האָבן פאַר זיך, וווהין גייען מיר?

אויב ענטפערן אויף דער צווייטער פראַגע איז נישט לייכט, קאָנען מיר אָבער אויף דער ערשטער פראַגע געפינען אַן ענטפער וואָס לאָזט זיך נישט אָפּפרעגן.

דאָס יאָרהונדערט וואָס מיר לאָזן הינטער זיך איז אָן שום ספק געווען דאָס סאַמע בלוטיקסטע אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן מין. אוודאי קענען מיר אין דער געשיכטע פעריאָדן פון פעלקער־שחיטות און מלחמות - הונדערט יאָריקע און דרייסיק יאָריקע, קלענערע און גרעסערע, און וואָס שייך אונדז, יידן, געדענקען מיר גוט דעם ערשטן און צווייטן חורבן, די קרייצצוגן, פּאָגראָמען, אויטאָ דאַפעס און עלילת דמס, אָבער דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט האָט זיך פאַרשריבן מיט באַזונדערס בלוטיקע אותיות אין דער מענטשלעכער געשיכטע און אין זיכרון פון אונדזער פאָלק.

אָנהייבנדיק פון דער מלחמה אויפן ווייטן מזרח (1903) און דער מפלה פון צאַרישן רוסלאַנד ביי פּאָרט אַרטור, דורך דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914 - 1918) וואָס האָט געזאָלט זיין "די מלחמה וואָס וועט פאַרענדיקן אַלע מלחמות", דורך דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939-1945) וואָס האָט פאַרשלונגען 50 מיליאָן מענטשלעכע לעבנס, צווישן זיי איין דריטל - זעקס מיליאָן פון אונדזער יידישן פאָלק, ביז דער "קליינער" מלחמה אין קאָסאָוואָ וואָס שליסט אָפּ אונדזער יאָהנודערט, איז עס געווען, מיט קליינע איבעררייסן, אַ צייט פון אומאויפהערלעכע שלאַכטן, גלייך די מעטשהייט וואָלט משוגע געוואָרן און נישט געקאָנט איינשטילן אין זיך די בעסטיע, וואָס לעכצט כסדר נאָך בלוט...

ערגעצוווּ האָט דער באַרימטער פילאָסאָף ברוך שפּינאָזאַ געשריבן: "שלום איז נישט דאָס נישט זיין פון מלחמה, נאָר די פרייד און טוגנט פון דער נשמה". די

געשיכטע פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט אָבער באַוויזן דאָס פאַרקערטע: שלום איז געבליבן בלויז אַ טרוים, אַ צייטווייליקער איבעררייס צווישן איין מלחמה און דער צווייטער (קלענערע און גרעסערע) און מלחמה איז געווען, אויב נישט די פרייד און טוגנט פון דער קראַנקער פעלקער־נשמה, איז איר פאַרניכטנדיקע סטיכיע.

ביינאַנד מיט די מלחמות איז עס געווען אַ צייט פון רעוואָלוציעס, סאָציאַלע און וויסנשאַפטלעך־טעכנישע. נאָך דער "רעפּעטיציע"־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1905 איז געקומען די רעוואָלוציע פון 1917 – דער נצחון פון דעם עקסטרעמען לאַגער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג – די באָלשעוויקעס און, אָנשטאָט פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט וואָס די רעוואָלוציע האָט לכתחילה אָנגעזאָגט, איז געקומען אַ טאָטאַליטאַרער רעזשים אונטערן פאַלשן דעקמאַנטל פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און, פונקט ווי אַמאָל די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, האָט אויך די אָקטאָבער־רעוואָלוציע "אויפגעגעסן אירע קינדער"...

און צווישן די מלחמות און רעוואָלוציעס האָט די וועלט זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי לאַגערן, באַזונדערס נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם זיג איבער דעם דייטשישן היטלער־פאַשיזם און דעם יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם – עס איז אויפגעקומען דער לאַגער פון קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע און פון קאָמוניסטישן טאָטאַליטאַריזם. געדאַכט האָט זיך, אַז אַזוי וועט עס שוין בלייבן אויף אייביק, הגם די לאָגיק פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג האָט געלערנט דאָס פאַרקערטע, אַז סוף כל סוף מוז זיגן ליכט איבער פינצטערניש. און געזיגט האָט טאַקע די געשיכטלעכע לאָגיק.

ערב דעם סוף פון דעם אַוועקגייענדיקן יאָרהונדערט איז געפאַלן די וואַנט וואָס האָט אָפּגעטיילט די מערב־וועלט פון דער מזרחדיקער, עס איז צעשטערט געוואָרן די בערלינער וואַנט און געדאַכט האָט זיך, אַז די וועלט וועט איצט אָפּאָטעמען פרייער. עס זענען אָבער אויפגעקומען נייע פּראָבלעמען, נייע קאָנפליקטן. צוזאַמען מיט דער גלאָבאַליזאַציע פון דער עקאָנאָמיק און דער אַנטוויקלונג פון דעם פרייען מאַרק האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דער פּראָצעס פון באַרייכערונג פון די ווייניקע און פאַראָרעמונג פון די פילצאָליקע, נישט ביי אונדז אין אַמעריקע, דעם רייכסטן און מעכטיקסטן לאַנד אין דער וועלט און נישט אין די א.ג. זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער. און נישט אָפּגעשטעלט האָבן זיך די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע קאָנפליקטן וואָס דערפירן צו כסדרדיקע בלוט־פאַרגיסונגען אין פאַרשיידענע ווינקעלעך פונעם ערד־קיילעך. און איבער דעם אַלעם הענגט די שטענדיקע געפאַר פון דער גרעסטער דערפינדונג פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט – די אַטאָם־באָמבע וואָס, הגם זי האָט נאָך דעם אויפרייס אין הירֹאָשימאַ און נאַגאַסאַקי פאַרהיט די וועלט, מיט איר אָפּשרעקנדיער קראַפט, פון נייע וועלט־קאַטאַסטראָפעס, הענגט זי כסדר ווי אַ געשפּענסט איבער דער מענטשהייט.

אַזאַ איז, מער ווייניקער, דער "באַגאַזש" וועלכן מיר טראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס, אַריבערטרעטנדיק די שוועל פונעם יאָר 2000. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס אויף אָט דעם שווערן וועג צום 21־טן יאָרהונדערט קומען אויף פאַרשיידענע טעאָריעס וועגן "סוף פון דער געשיכטע", "סוף פון אידעאָלאָגיעס" און אַנדערע סופן, שוין נישט רעדנדיק וועגן די פאַרשיידענע פאַלשע נביאים, וועלכע זעען פאָר בכלל דעם אונטערגאַנג פון דער וועלט...

איציק מאַנגער

# בעל שם

שטייט דער בעל שם ביים ראַנד פון דאָרף.
און זעט: דער אָוונט וויקלט זיינע שלייערן.
טונקל, און אין דער טונקל בליצן פייערן -
אַ גאָלדענע זעונג אויפן שוואַרצן טאָרף.

אַ גאָלדענע זעונג אויפן פאָן פון נאַכט.
דריי מאָל הייליק. ער פאַלט אַנידער אויף די קני,
און טרינקט אויס איר נשמה ווי אַ מעלאָדי
וואָס דער ווינט האָט פון ווייטן סטעפּ געבראַכט.

און שיכור פון די פאַרבן און דעם כישוף
בלייבט ער נאָך אַ רגע מיט דער נאַכט אַליין,
ביז ס'דעמערט אויף אַ תפילה אויף זיין צורה.

און ער לויפט דערנאָך צוריק מיט פרייד צום ישוב
אָנקלאַפּן אויף טונקלע ווענט די בשורה -
״אַז הייליק איז די וועלט און דריי מאָל שיין!״ ←

* * *

**און ווי האַלט עס מיט אונדז, יידן, אין אָט דעם אַלגעמיינעם בילד פון גלאָבאַלן קאַפּיטאַליזם, פרייען מאַרק און דער קאָמפּיוטער־רעוואָלוציע פון אינפאָרמאַציע און קאָמוניקאַציעס; אין אָט דעם אויפבלי ערב ״וועלט־אונטערגאַנג״? איז קודם כל: מיר זענען נאָך ווייט, זייער ווייט פון ״וועלט־אונטערגאַנג״. פאַר אונדז איז די ציפער 2000 בלויז אַ סימבאָל. ווי שרייבט אונדזער גרויסער דיכטער אברהם סוצקעווער: ״רבותיה, אָפּגעגאַרט האָט אייך אַ ציפער... כ'בין עלטער פונעם פּיצל עלטער מיינעם״. פונקט ווי דער דיכטער זענען מיר עלטער פונעם ״פּיצל״ 2000. אונדזער קאַלענדאַר ווייזט איצטער תשנ״ט - 5759, און אַז מיר וועלן איבערמישן דאָס בלעטל וועלן מיר אַריין אין יאָר 5760, בכן איז אונדזער געשיכטע אַ גאַר אַלטע און לאַנגע און איז נאָך ווייט, ווייט פון סוף... אַז מען וויל האַלטן מיר גאַר ביי אַ נייעם אָנהייב.**

**דער סוף האָט געזאָלט זיין, לויט דער קראַנקער פאַנטאַזיע פונעם דייטשישן מטורף אַדאָלף היטלער, ווען עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן זיין טויזנט יאָריקער רייך. האָט ער טאַקע אויסגעמאָרדעט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, פאַרוואַנדלט אין אַש דעם אַקטיווסטן, שעפערישסטן שבט אונדזערן - דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום, אָבער מיר זענען ״אויפגעשטאַנען ווידער און אַוועקגעשפּאַנט ווייטער״, פונקט ווי אַזוי פיל מאָל שוין אין אונדזער געשיכטע. געלאָזן האָבן מיר הינטער זיך די חורבות פון דריטן רייך צוזאַמען מיט זיין ״פירער״, און אויך זיין שותף, דעם קאָמוניסטישן**

(סוף אויף זייט 71)

## אויף דער סטאַציע קאָלאָמיי

אויף דער סטאַציע קאָלאָמיי
צווישן אַ גאַנצער עדה,
שטייען געהויקערט שאָטנס צוויי,
מיין באָבע און מיין זיידע.

זאָגט דער זיידע: "שיינדל, דו הערסט
-און זיינע אויגן ברענען -
אונזער אייניקל קומט צו גאַסט,
ווי אַזוי וועלן מיר אים דערקענען?

ווייל ווען כאָווע האָט זיין וויג געוויגט
זענען מיר שוין ביידע געלעגן
אונטער די גראָזן, אונטער ווינט
אויף יענער זייט פון די וועגן".

שמייכלט די באָבע, אין אירע הענט
ציטערט אַ בינטל בלומען -
ברומט דער זיידע: "בהמה, צו וואָס
האָסטו דאָס מיטגענומען?"

זאָגט די באָבע: "כ'האָב, איציק קרוין,
די בלומען אין פעלד אָפּגעריסן,
ס'איז אַ מאָדע ביי היינטיקע לייט
אַזוי אַ גאַסט צו באַגריסן".

זיי שווייגן. ס'שרייט אַ לאָקאָמאָטיוו
"צי קומט ער? צי וועט ער קומען?"
און אין דער באָבעס דאַרע הענט
ציטערט דאָס בינטל בלומען.

"דאָס אייניקל, זאָגט מען, איז - אר-וואָ!
אַ וואַזשנע קנאַקער אין גראַמען,
אין זיינע גראַמען ציטערט און וויינט
די נשמה פון זיין מאַמען".

די באָבע דרייט אַוועק דעם קאָפּ
מיט עפּעס איבערגענומען.
די באָבע וויינט, אין אירע הענט
ציטערט דאָס בינטל בלומען...

## ביים וועג

טונקל דער וועג, איך בין אַליין,
איך און אַ שאָטן פון קינד.

די טאָרבע וואָס כ'האָב אויפן אַקסל געהאַט,
האָט מיר פאַרטראָגן דער ווינט,
דער בלינדער לבנה מיין שטעקן געשענקט
אויף אָפּצוטרייבן די הינט.

זעץ איך זיך שטיל ביים וועג אַוועק,
איך און דער שאָטן פון קינד.
קוקן מיר ביידע אַ שטערן אויס,
קומט נישט קיין שטערן אַצינד,

לאַך איך, הער איך ווי ס'וויינט
שטיל דער שאָטן פון קינד.

גלעט איך זיין קעפּל און זאָג אַזוי:
- וואָס איז דיין צער און דיין שרעק?
ס'גייט די נאַכט, אַ שוואַרצער ים,
איבער אונז ביידע אַוועק.
וואָס בלייבט אונז מער ווי תפילה טון,
ווען מיר שטייען ביי דעם ברעג.
טאָ לייג צונויף דיינע קליינע הענט
און זאָג מיר נאָך אַזוי:
וואָס איז דער מענטש דאָ נעבן מיר
און איך זיין שאָטן - שטרוי

מיר זענען גאָט אין דיין רשות
אַזוי, דו קינד, אַזוי.
איצט וויש דיר דיינע טרערן אויס
און לייג דיך אויפן פעלד,
און לאָז דורך דיינע נערוון גיין
דעם חלום און די וועלט.
און נעבן אונז וועט טרויערן
די נאַכט אין איר געצעלט.

טונקל דער וועג. מיר זענען אַליין,
איך און דער שאָטן פון קינד.
די טאָרבע וואָס כ'האָב אויפן אַקסל
גועהאָט,
האָט מיר פאַרטראָגן דער ווינט
דער בלינדער לבנה מיין שטעקן
געשענקט
אויף אָפּצוטרייבן די הינט.

## סעפּטעמבער גאָלד

סעפטעמבער־גאָלד. איך, דער אָרעמאַן,
וואָס האָב דיך אומגעריכט געפונען,

זינג צו דיר און וויין פאַר פרייד
און לאָז די טרערן מיינע רינען.

אַ לעבן געגאַרט נאָך אָט־דעם בלענד
און מיטאַמאָל איז עס געוואָרן,

איך שאַר די הויפּנס מיט די הענט -
אַ טרייסט פאַר אַלע מיינע יאָרן.

סעפטעמבער־גאָלד. ווי אַ האַרפּאַגאָן
וועל איך דיך היטן און באַהיטן,
דו, גרויסער שכר דעם אָרעמאַן,
פאַר דעם וואָס ער האָט אויסגעליטן.
מען טומלט שוין. אָט שאַרן זיך אַריין
אַ מחנה ווינטיקע רעפּאָרטערן,

אינדרויסן, די צילינדערס אין די הענט,
וואַרטן מיך אָפּ די מיליאָנערן

און ווייבער, ווייבער פלאַטערן פאַרביי
און יעדע שמייכלט ווי זיבעצן אַפּרילן
עקסעלענץ... נו יאָ... זי וויסן שאָן...
זעלבסטפאַרשטענדליך ווען זי ווילן...

פּאָעטן מיט אויסגעדרייטע שיך
שטייען פאַר מיר הכנעהדיק געבויגן,

די לידער זייערע לעקן מיך ווי הינט,
נאָר אין די כיטרע, טראַכאָמע אויגן

פינקלט מיין גאָלד, מיין
סעפטעמבער־גאָלד.
איך פיל, איך ווייס, מען דאַרף אַנטלויפן.

איך כאַפּ דעם אוצר, שפּרינג דעם פּלויט
אַריבער
און ווי אַ שטורעם איבער פרעמדע הויפן
טראָג איך זיך אַוועק צום וואַלד. אַוועק.
באַהאַלטן זיך אין איינער פון די הייל'ן

און דאָרט מיין גאָלד, מיין
סעפטעמבער־גאָלד,
מיט ציטערנדיקע פינגער איבערציילן.

# דאָס וואַסער טונקלט

דאָס וואַסער טונקלט שוין, ס׳איז נאַכט.
דאָס צענטע וווּנדער איז אַנטפּלעקט.
שלאָפֿן וועל איך דאָ ביים ברעג
מיט נאַכט און רעגן צוגעדעקט.

מיין אויג האָט אויסגעטרונקן היינט
די רויטע זון פֿון וואַלד און פֿעלד.
וועט דורך מיין חלום גיין די זון,
די ליבשאַפֿט און די גאַנצע וועלט.

ליכט פֿון חלום און פֿון וואָר,
אַ, טו זיך קיינמאָל פֿון מיר אָפּ.
מיין תּפֿילה פֿאַלט צו דיר אין שויס,
ווי ס׳פֿאַלט מיין קלייד פֿון גוף אַראָפּ.

דאָס וואַסער טונקלט שוין, ס׳איז נאַכט.
פֿון מיינע לענדן פֿאַלט דער שטריק.
מיין ליפּ באַרירט דעם גראָען שליאַך,
וואָס פֿירט אין טאָל אַריין צוריק.

אַ, גאָט, מיין יעדע תּנועה איז
אַ ליד, אַ לויבגעזאַנג צו דיר.

טאָ לאָז די ווייסקייט פֿון דער נאַכט
אַ שטילע אויפֿגיין איבער מיר.

און אין דער ווייסקייט הייליק מיך,
דאָס טונקעלע וואַסער און דאָס פֿעלד,
די גראָע הייזלעך פֿונעם טאָל,
דעם חלום פֿון דער גאַנצער וועלט.

# צווישן קאָסעוו און קיטעוו

צווישען קאָסעוו און קיטעוו
שטייט אַ גילדענער ברונען.
אין טיפֿן, קלאָרן וואַסער
האָב איך אַ זון געפֿונען.

דער נאַכט אין גראָע בערג,
טראָג איך די זון אַקעגן.
אין קלאָרן, גאָלדענעם שיין,
בליען אַלע וועגן.

איך בין אַ פּראָסטן שניידערס
ווילד־פֿאַרלוירן קינד,
געשטעלט מיינע יונגע יאָרן
אויף וואַנדערן אין ווינט.

איצט האָב איך עס געפֿונען,
איצט איז עס אויף אייביק מיין.

דאָס ליכט פֿון די טונקעלע וועגן,
דער דינער, גאָלדענער שיין.

לאָז איך פֿאַמעלעך און פֿרייליך
אַראָפּ אין טאָל זיך גיין.
צי וועלן די גראָע וועגן
דאָס גאָלדענע ליכט פֿאַרשטיין?

דאָס ליכטיקע וואָרט אויף די ליפּן,
דעם גאָלדענעם שיין אין דער האַנט.
איך בין דער לעצטער אַפּאָסטל
פֿון ניי־אַנטפּלעקטן לאַנד.

צווישן קאָסעוו און קיטעוו
שטייט אַ גילדענער ברונען.
אין טיפֿן, קלאָרן וואַסער
האָב איך אַ זון געפֿונען.

## כ׳וועל אויסטאָן די שיך...

כ׳וועל אויסטאָן די שיך און דעם
טרויער,
און קומען צו דיר צוריק -
אָט אַזוי ווי איך בין אַ פאַרשפּילטער,
און שטעלן זיך פאַר דיין בליק.

מיין גאָט, מיין האַר, מיין באַשאַפער,
לייטער מיך אויס אין דיין שיין -
אָט ליג איך פאַר דיר אויף אַ וואָלקן,
פאַרוויג מיך און שלעפער מיך איין.

און רעד צו מיר גוטע ווערטער,
און זאָג מיר אַז איך בין "דיין קינד".
און קוש מיר אַראָפּ פונעם שטערן
די צייכנס פון מיינע זינד.

איך האָב דאָך געטאָן דיין שליחות
און געטראָגן דיין געטלעך ליד -
צי בין איך דען שולדיק, וואָס
ס׳גראַמט זיך,
על פי טעות "ייד" מיט "ליד".

צי בין איך דען שולדיק, וואָס ס׳גראַמט
זיך
על פי טעות "שיין" מיט "געוויין".
און די בענקשאַפט, די אמתע
בענקשאַפט,
וואָגלט כסדר אַליין?

צי בין איך דען שולדיק דערלויכטער,
וואָס כ׳בין איצט דערשלאָגן און מיד,
און לייג דיר אַוועק צופוסנס,
דאָס דאָזיקע מידע ליד?

מיין גאָט, מיין האַר, מיין באַשאַפער,
לייטער מיך אויס אין דיין שיין -
אָט ליג איך פאַר דיר אויף אַ וואָלקן,
פאַרוויג מיך און שלעפער מיך איין.

## עפּיטאַף

דאָ ליגט די טרויעריקע מידע נאַכטיגאַל
צום ערשטן מאָל אין אַן אייגן בעט.
דער שניידער־געזעלן בראַדיאַגע און פּאָעט;
דער אויף תמיד פאַרשטומטער לידער־קוואַל.

רייסט נישט די קראָפּיווע פון דעם קבר אויס,
און שאַרט נישט ווינטער־צייט אַוועק דעם שניי
דעם שלאָפער אונטן טוט מער גאָרנישט וויי,
ער לעבט בשלום מיטן וואָרעם און דער מויז.

וואַרפט נישט קיין בלומען אויף דעם בערגל ערד,
פאַריכט נישט וואָס דער שטורעם־ווינט צעשטערט,
פאַרטרייבט נישט די סאָווע פון מצבה־שטיין.

לאָזט זשומען אַרום אים דאָס פלאַטערל, די בין, די פליג,
לאָזט פאַשען נישט געשטערט דעם קברנס ציג
און אים אַליין, לאָזט אים זיין אַליין.

## צו דער 30־טער יאָרצײַט פֿונעם גרויסן דיכטער

# איציק מאַנגער

### א.

אָט־אָט פּראַוועט די "שטערן אויפֿן דאַך", מאַנגערס ערשטלינגבוך, זײַער דרײַסיק־יאָריקן יובל; דער לייענער שטייט שוין נישט פֿאַר אַ בינטל, נאָר פֿאַר אַ סטויג לידער, אין כּמה וכּמה בענד און אין כּמה וכּמה אָפּקלײַבן; ער קען שוין דעם דרך, פֿונעם עיקר־צוגאַנג אין דער טעמאַטיק ביז צום אויספֿיר־פּרט אין דער פֿאַקטורע; און פֿון דעסטוועגן וועט עס ניט זײַן קיין גוזמה צו זאָגן, אַז דאָס געפֿיל פֿון חידוש, וואָס יענער ערשטער שטערן־אויפֿלויכט האָט אַרויסגערופֿן, האָט ניט אָנגעוווירן פֿון זײַן פֿרישקייט, און דער שטויִנענדיקער שמייכל, מיט וועלכן דער לייענער האָט זיך אָפּגערופֿן, באַנײַט זיך עד־היום אויף זײַנע ליפּן, אַפֿילו ווען ער איז שוין אַזוי באַהאַוונט אין דיכטערס נוסח, אַז ער ווייס כּמעט, אויף וואָס פֿאַר אַ נײַעם קנייטש פֿון חן ער מעג אָדער דאַרף זיך ריכטן. בעצם, באַמיט זיך די גאַנצע מאַנגער־קריטיק צו דערגיין דעם סוד פֿון דער איבערראַשנדיקער פֿרישקייט – צי איז עס דער באַזונדערער צוזאַמענפֿלעכט פֿון גרונטיקן תמימות און סופֿערקלוגער איראָניע, צי דער באַזונדערער סינטעז פֿון פֿאָלקישן פּרימיטיוו און קינסטלערישער ראַפֿינעריע, צי גאָר אַן אַנדער מין שפּיל, וואָס באַשטייט אין ענגן שכנות פֿון קעגנזאַצן. שווער צו זאָגן, אַז דער פֿאָלקלאַרישער אויסטײַטש איז אַ פֿאַרענטפֿער, שוין צוליב דעם אַפֿילו, וואָס פֿאָלקלאַרישקייט איז כּלל נישט קיין נאָווינע אין אונדזער דיכטונג, און עס איז כּמעט נישט פֿאַראַן קיין דיכטער פֿון פֿאַרנעם און באַטייט, וואָס די קריטיק האָט נישט געזוכט אין דער פֿאָלקלאַרישקייט דעם שליסל צו זײַן דערקלער.

אונדזער קשיא פֿאַרשפּיצט זיך באַזונדערס מחמת דעם, וואָס אַן איבערראַשנדיקע פֿרישקייט איז, בדרך כּלל, אַ סימן פֿון אַ דיכטער און אַ דיכטונג, וואָס קומען אויף אין אָדער נאָך אַ צײַט פֿון אַ גרויקייט אָדער טעמפּקייט אין דער שאַפֿערישער אָדער מכלומרשט שאַפֿערישער סביבה. אָבער מאַנגער האָט זיך דאָך געיאַוועט אין אַ צײַט פֿון אַ יידיש־פֿונאַנדערבלי – פֿון אַמעריקע האָט זיך געטראָגן דער ברויזיקער ברום פֿון משה לייב האַלפּערן און דער לאַשטשענדיקער פֿליעסק פֿון זישאָ לאַנדוי, עס האָט געהילכט דער פֿעסטער אויפֿשטײַגטראָט פֿון ה. לייוויק און ה. רויזענבלאַט און עס האָט אַ שפּראָץ געטאָן אַ נײַע שול מיט יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלעס בראָש; אין פּוילן האָט אויפֿגערודערט אורי צבי גרינבערג און עס האָבן געכוואַליעט מלך ראַוויטש און אהרן צייטלין; פֿון סאָוועט־רוסלאַנד האָט אָפּגעדונערט די קלאַנגיקע ירושה פֿון אשר שוואַרצמאַן און עס האָבן מיט אַ שוימיקער קראַפֿט אַ פֿלייץ געטאָן קולבאַק און מאַרקיש. נאָך מער, אין דער רייכער, מיט מעלאָדיעס איבערגעלאָדענער, סימפֿאָניע האָבן זיך פֿאַרוועבט גאָר קרובישע טענער – די אויסגעאיידלטע סובטילקייט פֿון מאַני לייב און די אויסגעאיידלטע אינטימקייט פֿון י.י. סיגאַל. הייסט עס, אַז מאַנגער איז אויפֿגעקומען אין אַ צײַט פֿון יידיש דיכטערישער שפֿע, און דאָך האָט ער, פֿון סאַמע אָנהייב, פֿאַרכאַפּט מיט זײַן בולטער באַזונדערקייט, אַנדערשקייט, און בעיקר מיט זײַן חנודיקער פֿרישקייט.

ב.

זאָגט מען: עס איז דער סוד פון זיין היים. איז עס אַ שטיקל ביאור. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געפאַלן די פּאָליטישע גרענעצן צווישן דריי פּראָווינצן, וואָס זענען פריער פונאַנדערגעטיילט געווען צווישן דריי מלוכות, - מאָלדעווע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע - און אָט דער שאַפעריש סיי גאָרנישט סיי ווייניק עקספּלואַטירטער דריילינג האָט אונדז באַרייכערט מיט נייע וואָגיקע כוחות, וואָס ביי זייער גאַנצער דיפערענציאַציע טראָגן זיי אַ בשותפותדיקן חותם פון Genius loci, חן המקום, וואָס דער סוד זיינער איז ווידער אַ פּאָלאַרישער - אַ פעט איבערזאַטער טאַמבור און אַן איידל פאַרבענקט פּייפל, עס איז גאָר אַ היפשע קאָמפּאַניע - דיכטערס, דערציילערס, עסייסטן, רעזשיסאָרן, פאַרשערס. אָבער דאָך לאָזט זיך מאַנגער נישט פולקום איינגלידערן אין דער חברה, דער עיקר בלייבט מחוץ דעם צד השווה, און אויב זוכן אַ צד השווה ממש, לאָזט זיך בעצם בלויז ריידן איבער אליעזר שטיינבאַרג, וואָס איעדער באַנייטער צוזאַמענטרעף מיט אים אָטעמט אַרויס די איבעראַשנדיקע פרישקייט פון דער ערשטער באַגעגעניש. מעגלעך אַז אַ קאָנסעקווענטער פאַרגלייך צוויש זיי ביידע וואָלט בולטער געמאַכט נישט בלויז די אַנדערשקייט פון סובסטראַט און וועג - דאָרט דער משל אַלס עיקר־שאַפונג, דאָ די באַלאַדע אַלס עיקר־שאַפונג, נאָר אויך די דיזעלביקייט פון איינדרוק - סיי דאָרט סיי דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ דיכטער, וואָס האָט אויפגעהויבן אַ טייערן מעטאַל פון פאָלק, האָט אַראָפּגעקראַצט דעם שטויב און אָפּגעפּיילט דעם זשאַווער, איבערגעברענט און אויסגעפורעמט אַ כלי, וואָס מען ווייס נישט, ווו איז די גרענעץ צווישן אַרב און אויפטו, צווישן המשך און באַשאַף, צווישן ניי און אַלט, אָבער מען ווייס, אַז דער וואָס האָט די כלי געמאַכט זיצט פאַרבאַהאַלטן אין סאַמע מיט פון דער פאַרבאָרגענער גרענעץ, פונקט ווי מען ווייס, אַז ווי מען נעמט נאָר די כלי פון איר טועם צו זיין, פילט מען אַ משונהדיק טאָפּל־געפיל: איך האָב עס שוין אַמאָל געטרונקען און דאָך טרינק איך עס צום ערשטן מאָל.

זאָגט מען: פאָלק־ירושה. און מען איז מפרש: נישט דאָס פאָלק סתם, נאָר אַ שיכט, די שיכט פון בעלי־מלאכות. איז עס אויך אַ שטיקל ביאור. דער יידישער בעל־מלאכה, און דער שניידער בראש, איז געווען פאַרליבט אין זינגעריי. נישט אומזיסט האָבן זיך פון אים רעקרוטירט די בראָדער זינגערס און זייערע יורשים, די פּיאָנערן פון יידיש־טעאַטער. אמת, אַ בעל־מלאכישע און בפרט אַ שניידערישע שטוב דאָס איז אַן אייביקער קאָנצערט פון ניגון און ליד, נוסח און מעלאָדיע, געזונגענע פרייד און לייד. שטעלט מען צו צו דער מאַנגערישער שניידערישער היים די מסורה פון דער גאַס - דעם לעבעדיקן זכר פון די יאַסער אויפטריטן פון בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער און גאָלדפאַדען, לאָזט זיך שוין שיין שמועסן, בפרט ביי אַ גלעזל מעד, איבער דער אַטמאָספער אין וועלכער מאַנגער האָט געקענט און געדאַרפט אויסוואַקסן. אָבער מעגלעך, אַז דער שלשלת־היוחסין איז דאָך, לפחות צום גרויסן אויב נישט צום גרעסטן טייל, אַ שפּעטערע קאָנסטרוקציע, און זי הערט אויך נישט אויף צו זיין אַ קאָנסטרוקציע, ווען דער דיכטער גופא פאַטאַקעוועט צו איר און שפּאַרט זי אויך לייטיש אונטער. אַוודאי, איז מאַנגער געבוירן געוואָרן אין אַ זינגעוודיקער היים, אין אַ גאַס, אַ שטאָט, אַ קאַנט, ווו יידיש האָט געמאַכט זיין סטאַרט צום בענקל־געזאַנג און צום טעאַטער, אָבער אויפגעכאַוועט האָט ער זיך אין אַ סך ברייטערער און אויך אַ סך נאָנטערער היים -אין דער יידיש־פּאָעזיע פון די לעצטע דריי דורות. און אויך די ברייטע היים שטייט אין אַ

ברייטערער - אין דער וועלט־פּאָעזיע, וואָס מאַנגער איז אַ בן־בית אין איר, בפרט אין אַ פּאָר אירע לופּטיקע און ליכטיקע שטובן.

עס איז, גראַפיש גערעדט, אַ ספּיראַלער קרייז - דער אָנהייב די היים פון שניידערישן ליד: דער המשך די היים פון פּאָלקליד און דער סוף די היים פון וועלטליד, און אין גערעדגל צווישן דריי היימען צייטיקט אויס דאָס מאַנגעריש ליד. אַ געראַנגל, וואָס די קאַקעטעריע פון קאָנסטרואירטן ייחוס פאַרשטעלט פאַרן עולם דעם ווייטאָג און ווייזט אים נאָר דעם ווילטאָג. ווייל דער קאָנסטרואירטער ייחוס ווייזט דעם דיכטער ווי ער בייגט זיך איבער דעם רוי־מאַטעריאַל פון דער ענגער קינדערישער היים און לייגט אים אויפן וואַרשטאַט און מאַכט פון אים אַ כלי, אָבער ער פאַרשטעלט דעם דיכטער ווי ער שטרעקט זיך צו די פולקומענקייטן פון דער ברייטער דיכטערישער וועלט און לאָזט זיין כלי אָפּראָבירן נישט לויט איר ווערט לגבי דעם רוי־מאַטעריאַל פון דער היימדיכטונג אונטן, נאָר בעיקר לויט איר וואָג לגבי דעם אוצר פון דער וועלטדיכטונג אויבן. דער אייביקער קאַמף צווישן דעם בויג אַרונטער און דעם שטרעק אַרויף - דאָס איז אויך דער סוד פון יענער שטענדיק איבערראַשנדיקער פרישקייט. ווייל דער קאַמף צווישן בויג און שטרעק איז אויך אַ קאַמף צווישן איינשלעפערנדיקן נאַרציזם און אויפוועקערישער אויטאָקריטיק.

**דב סדן**

"די גאָלדענע קייט" נום. 31

אונדזערע אַקטיווע טוער

## רחל און מענדל סלוצקי

**צו זייער 70־יאָריקן חתונה־יובל**
**די בעסטע ווונטשן און דאַנק**
**פאַר דער ברייטהאַרציקער באַשטייערונג**
**פאַר אונדזער יידישער קולטור־ארבעט.**

**יידישער קולטור־קלוב, ל.א.**
**"חשבון"**

## משה שקליאַר

# דיין ליד וואָס האָט מיין נאַכט צעהעלט

כ׳האָב היינט מיט מאַנגערן פאַרבראַכט
אַ טאָג אַ גאַנצן און אַ נאַכט,
קיין טראָפּן ווייַן נישט אָנגערירט
נאָר בלויז געקוויקט זיך מיט זיין ליד
וואָס האָט געצונדן און געבריט
און פאַרשיכורט מיין געמיט.

זיין גאָלדנע פּאַווע האָט געפירט
מיך איבער שטחים ווייט און ברייט
ביז כ׳בין געקומען צו אַ טיר,
ווו ס׳האָט אַ שניידעריונג גענייט
פאַר מלכהלען אַ חופה־קלייד.

די טיר געווען פאַרשלאָסן איז
אויף זיבן ריגלען און אַ שלאָס,
נאָר איך האָב אויסגעשטרעקט די פיס
און דורך דער שויב פון זילבערגלאָז
אין דעם וואַרשטאַט אַריינגעבליקט.

די נאָדל האָט דאָרטן געציקט,
געפינקלט אינעם שניידערס האַנט
און אויף שנייווייסן געוואַנט
בלויע ווערטער אויסגעקריצט,
און לידער האָבן זיך צעבליצט,
פאַרהילכט דעם שניידערשן וואַרשטאַט.

נאָר פלוצעם איז געוואָרן שטיל,
דערפילט איך האָב זיך מיד און מאַט,
אַ ווינט האָט מיך אַרומגעהילט
און פאַרטראָגן ערגעץ העט,
ווו עס איז נישט פרי נישט שפּעט,
נישט קיין נאַכט און נישט קיין טאָג,
און ס׳שטייט דאָרט ביי אַ גרויסער וואָג

אַ קליינער אַלטער אשמדאי
און וועגט אָן אויפהער מיינע זינד.
ס׳האָט אויפגעוועקט מיך אַ געשריי,
מיין רוף צו דיר: אָ, איציק קרוין
זע, איך ווער דאָ טויב און בלינד,
כ׳וועל מער נישט קאָנען הערן שוין.
דיין ליד וואָס האָט מיין נאַכט צעהעלט.
אָ, פיר צוריק מיך אין דיין וועלט!

דוד וואָלפּע / יאָהאַנעסבורג

# פון אַ געטאָ־נאַכטבוך –
# קאַשמאַרן אין קרירה־שיין

אַ מיטווינטער־נאַכט. 1941.

דער ווינט ברילט און וואָיעט ווי אַ סטאַדע הונגעריק־משוגענע וועלף, וואָס זוכן פּרעס. די פאַרהאַקטע לאָדנס טרייסלען זיך, ווען דער שטורעם יאָגט דורך איבער זיי מיט געפּייף און געוויש, ווי אויף זיך אַרויסברעכן פון די זאַוויסעס. ווײַלעוויַיז ווערט די שטילקייט אַריינגעוויקלט אין זיך און פאַרטאָפּלט און אַ דאָיקייט־געפיל קומט אויף און וואַקסט אויס צו אַ ריזיק ממשות: דאָס טיקען פון זייגער, דאָס קלאַפּן פון האַרצן, דאָס סקריפּען פון פעדער אויפן פּאַפּיר. דאָס בלוטגעפּליס אין די אָדערן, דער אָטעם אין ברוסט אַרויף און אַראָפּ... און אויך דאָס ליכט פון דעם עלעקטרישן לעמפּל ווערט גרעסער און פאַרפלייצט דעם צימער ביז שוידער, מיט זיינע טאַפּשטראַלן. אַלץ איז אַזוי קלאָר און אַקצענטירט די שטילקייט. און די פאַנטאַזיע איז אַקטיוויזירט, ווי אַ קליין מאַשינדל אין מוח וואָלט געלאָזט לויפן אירע אַלע רימענדלעך און רעדלעך אין אַ קאַשמאַריק צעיאָגעניש: אָט... עמעץ אַ דעמאָן וועט זיך באַלד צעריטשען אין גאַס, באַלד וועט ער אויפשרייען: אַרויסגיין פון די הייזער - אַלע!... נאַקעט!... אין שטורעם!...

ווידער האָט דער שטורעם זיך צעיושעט ווי אַ צוזאַמעניאָג פון דולע הינט וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע קייטן. אָט זענען זיי, הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס. אַזוי נאָענט... נאָענט... אָט וועלן זיי זיך אַריינרייסן אין שטוב... אינעווייניק... אין אונדזער צימער - - איך זיץ אויפן קאַנט פון בעט און פאַרצייכן אין איילעניש מיינע שורות און איך פיל ווי כ'וואָלט פאַרקריצט די רייד פאַר דורות. איז עס ניט צו שפּעט? וואָס טראָגט דער שטורעם אין זיינע פליגל? אומקום? אַלץ וועט פאַרלוירן גיין און קיין זכר וועט ניט בלייבן. קיין איין וואָרט ניט... שולמית האָט זיך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, געעפנט אירע מידע אויגן, אַ ווײַלעטשקע זיי געזשמורעט און ווידער אַריינגעזונקען אין פאַרמאַטערטן שלאָף. איך שטרענג זיך אָן ניט צו געבן אַ מינדסטן ריר טאָמער וועט זי זיך איבערוועקן... אומגעהייערע מי און פראַצע פילן אויס איר יונג לעבן אין איר זאָרג, אַז עס זאָל אונדז גאָרנישט ניט פעלן. מיט שטומער הכנעה און אַ שטאַרקן ווילן האָט זי זיך איינגעשפּאַנט אין טאָפּלטן יאָך: אַרבעט און סכנה. און די געפאַר איז גוואַלדיק, און זי, ווי זי וואָלט זי ניט פילן, דערציילט מיט מאָדנער פרייד פון יעדן פּענעץ ברויט וואָס זי האָט פון צווישן די ציינער פון שטן אַרויסגעקראָגן. עס באַהאַלטן און אַהיים געבראַכט. מיין בליק גלעט מיט ליבע איר אָפּגעברענט קינדיש פּנים, די קויל־שוואַרצע ברעמען פון אירע אויגן, אירע געלאָקטע האָר ווי פון אַ שוואַרצן פויגל: מיין ציגיינערין, ציגיינערקעלע!... אירע אויגן עפענען זיך און זיי צומאַכנדיק פאַרן ליכט פרעגט זי מיט אַ וואַרעם קול: „ביסט נאָך וואַך? אַזוי שפּעט!"

„יע, שולמית, איך בין נאָך וואַך... אָט באַלד וועל איך זיך לייגן שלאָפן."

„אָט קומט דאָך שוין דער פרימאָרגן... און אַ שטורעם... לייג זיך שלאָפן".

„ס'איז נאָך פרי. דו שלאָף, ביסט דאָך פאַרמאַטערט". אירע אויגן עפענען זיך ברייט פונאַנדער און זי קוקט מיר אָן אומצוטרויאיק: „פרי?... ס'איז שוין אַוודאי נאָך דריי".

„ניין, נאָך צוועלף".

"און וואָס טוסטו?"

"ווייסט דאָך, איך שרייב..."

"שרייב, שרייב. שטענדיק שרייב. און אין די נעכט... מע דאַרף זיין געהיט".

"יע, שולמית". און פּלוצלינג, ווי זי וואָלט זיך אין גאַנצן אויסגעניכטערט פון שלאָף: "און צו וואָס?! דאָס זענען דאָך מער ניט ווי ווערטער, ווערטער... ווערטער און מער גאָרנישט ניט. קען דען עמעצער אויסמאָלן אונדזער לעבן? פאַר דעם זענען דאָך ניטאָ די פּאַסיקע ווערטער".

"ניטאָ, שולמית". פאַר אַ רגע איז צוגעפאַלן אַ שווייגן. אין דרויסן האָט זיך שטאַרקער צעווירבלט דער שטורעם.

"אָבער די ווערטער זענען געשריבן מיט בלוט פון אונדזער האַרץ און מיט טרערן. דער בלוטקנויל, וואָס ווערגט אונדזער האַלדז, רייסט זיך אַרויס אויף דער פריי און ווערט איבערגעפורעמט אין דעם געשריבענעם וואָרט, אויף דורות!"

"אויף דורות?!" חזרט זי איבער, ספק אַן אַקצענטירונג, ספק אַ פראַגע. "אויך דאָס אַלץ וואָס דו האָסט ערשט געזאָגט זענען דאָך אויך ניט מער ווי ווערטער. ווערטער... מיר מאַטערן זיך – און צו וואָס?" און ביז ווייטיק פּרעסט זי אַרויס: "אַלץ וועט פאַרלוירן גיין. מיר אויך..." אירע טיפע שוואַרצע אויגן הענגען זיך אָן אויף מיר רחמנותדיק, און ווידער דאַכט מיר, אַז איך הער אַ געשריי: אַרויסגיין אין דרויסן! אין שטורעם! צום אומקום!

ביידע שווייגן מיר אַ ווײַלע און פּלוצלינג פרעגט זי: "און וואָס האָסטו געשריבן"?

"אַ ליד: איינזאַם-אַליין..."

"אַליין?" זאָגט זי איבער מיט אַ מאָדנע געביטענעם קול. און מיט אַ דינעם אומעט פאַרציען זיך אירע אויגן און זי פאַרזינקט אין טראַכטן.

איך ווייס וועגן וואָס זי טראַכט און דערוואַרט איר פראַגע, כדי כ'זאָל איר קענען אויפקלערן פאַר וואָס אַליין, און אויך עס פאַר איר לייענען.

"נו, לייג זיך שלאָפן. איך דאַרף מאָרגן אַרבעטן און ס'איז שוין שפּעט".

"אָט באַלד וועל איך זיך לייגן". מיר איז קלאָר, אַז די פאַרמאַטערטקייט שוואַכט אָפּ איר אינטערעס און באַגערן. זי דרייט זיך אום מיטן פּנים צו דער וואַנט, פאַרמאַכט די אויגן און ווערט גלייך אַנטדרעמלט.

דער שטורעם אין דרויסן ווערט אַלץ מער שוואַכער. די שעהען פאַרשווינדן איינע הינטער די אַנדערע און עס ווייסן די בלעטער, אָנגעפּינטלט מיט קליינטשינקע אותיות, איינער אויפן אַנדערן. עס איז שפּעט. איך לייג צוזאַמען אין אָרדענונג די בלעטער. אָט וועל איך גיין שלאָפן... פּלוצלינג בין איך אויפגעציטערט געוואָרן פון שרעק-געשרייען. אָבער אין דרויסן האָט קיינער ניט געשריען. דאָס איז געווען שולמית, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט און אויפגעזעצט אין בעט. "שולמית, שולמיתל... וואָס האָט פּאַסירט? האָסטו עפּעס געחלומט?..." און אַז ס'איז אַ ביסל אַריבער מיין צעטומלטקייט, האָב איך איר אָנגעהויבן גלעטן און באַרויקן: "נאַרישקייטן. שטענדיק מיט דיינע חלומות, ס'איז הבל-הבלים..." זי האָט מיך אַרומגענומען און איר וואַרעמקייט האָט זיך צעשפּרייט אין מיין גוף, און איר קליין הערצל האָט אויפגערעגט געפּויקט. כ'האָב זי צאַרט געהאַלדזט. פּלוצעם האָט זי געפרעגט: "דוד, ווו איז דער מעסער? אָט דער מעסער וועלכן כ'האָב דיר געגעבן צו באַהאַלטן, דעמאָלט... איז ער נאָך ביי דיר?"

"פאַרשטייט זיך, אַז ער איז ביי מיר. וואָס האָסטו געחלומט?"

"נאָך ביי דיר? איז ווייז מיר אים".

"צו וואָס דאַרפֿסטו אים איצט, ביי דער נאַכט..."

"ווען איז דער טאַטע אַוועקגעפֿאָרן קיין מינסק?"

"שוין מער ווי אַ יאָר. צוליב וואָס פֿרעגסטו עס?"

"אַ מאָדנער חלום האָט זיך מיר געחלומט. וועסט מיר ווייזן דעם מעסער, וועל איך דיר דערציילן".

איך האָב אַרויסגענומען פֿון באַהעלטעניש דעם מעסער און איר געוויזן. אירע אויגן האָבן זיך אויסגעברייטערט און פֿייכט געוואָרן מיט אַן אויסטערליש געפֿינקל, ווי צעגליטע קוילן: "גיב אים..." און איר האַנט האָט אים צערטלעך געגלעט. ס'האָט מיך דערשיטערט. "וואָס איז געשען, שולמית? וואָס האָסטו געחלומט?"

"געדענקסט, אַז דער טאַטע האָט ביים אַוועקגיין געבעטן דעם מעסער."

"יע, איך געדענק, אָבער דו האָסט מיר פֿאַרבאָטן אים צו געבן, האָב איך אים געזאָגט, אַז ס'איז פֿאַרלוירן געגאַנגען".

"אפֿשר וואָלט עס אים איצט צו נוץ געקומען".

"אָך"! האָט זי אַ קרעכץ געטאָן. אירע ברוינע אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט טרערן און מיט אַ טיף, משונהדיק קול האָט זי צוגעגעבן: "איך בין שולדיק!"

"וואָס?! איך פֿאַרשטיי ניט. וואָס האָט פּאַסירט?"

אויף אירע וויעס האָט זיך אָנגעהאַנגען אַ טרער און ווי אַ קליינטשיק גרייפּל אַראָפּגעפֿאַלן אויף איר אָפּגעדעקטער ברוסט, נאָך דעם האָבן זיך די טרערן געקייקלט אויף איר קינדיש פֿאַרברוינט בעקל, גרויסע און גלימערנדיקע און גאָלד־קאָליריק, געציילטע, איינס צו איינס, ווי אַ שנירל קאָראַלן.

זי האָט אויפֿגעהערט שלוכצן. די טרערן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווי פֿון אַ לאָגל וואָס איז אויסגעליידיקט געוואָרן און אירע אויגן האָבן זיך צעפֿיבערט מיט אַן אויסטערליש שוואַרצן פֿייער.

"איך האָב געזען דעם טאַטן. ער איז אַ ביסל בלאַס געווען און זיין פּנים אָפּגעמאָגערט, אָבער אַזאַ רויקייט איז אויף אים געווען אויסגעגאָסן. זיין קול האָב איך קלאָר ניט געקענט הערן, נאָר לויט דעם ריטעם פֿון ליפּן־באַוועג האָב איך אים פֿאַרשטאַנען. ער האָט געזאָגט: דעם מעסער האָסטו באַהאַלטן און איך האָב אים נייטיק געדאַרפֿט האָבן, זייער נייטיק!... נאָך דעם איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און מיך אַזוי אָנגעקוקט, אַז מיין לייב איז געוואָרן פֿאַרשטיינערט און מיט אַ מאָל האָט ער אויפֿגעריסן דאָס מויל, ווי ער וואָלט זיך צעגוואַלדעוועט: דער מעסער! דער מעסער! כ'האָב זיך פֿאַר אים שטאַרק דערשראָקן און ער איז ניט געוואָרן, פֿאַרשוווּנדן... איך האָב געוואָלט שרייען: טאַטע! טאַטע! האָב איך געשריען?..."

"יע, דאָס איז געווען אַ פּחד־געשריי, אָן ווערטער".

זי האָט מיך אָנגעקוקט ווי איינע וואָס נייטיקט זיך אין שוץ. מיט אַ מאָל האָט זי זיך צוגעדריקט צו מיר און אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין: "איך בין שולדיק... איך... איך..." אירע שמאָלע אַקסלען האָבן געציטערט אין מיינע אָרעמס און מיין האַרץ איז פֿול געוואָרן מיט רחמים, ווי צו אַן אומגליקלעך אָרעם באַשעפֿעניש. כ'האָב איר גענומען איבערבעטן און איבעררעדן מיט אַ קול אויסגעמישט מיט טרערן: "מיין קליינינקע, שולמיתל, פֿאַרשטיי דאָך אַז דו ביסט ניט שולדיק. פֿאַראַן שולדיקע, אָבער ניט דו, אַבסאָלוט ניט דו! נאָך אַלעמען איז עס דאָך געווען מער ניט ווי אַ חלום – און אַ חלום איז אַ ליגנער, ס'וועט זיין צום גוטן, שולמית, צום גוטן. דער טאַטע וועט נאָך קומען.

מיר וועלן פון זיי פּטור ווערן און מיר אַלע וועלן זיך פרייען. אַ שלעכטער חלום ווערט תמיד פאַרוואַנדלט אין אַ גוטן, וועסט זען..."

ביסלעכווייז האָט זי אויפגעהערט וויינען און געוואָרן פאַרשוויגן. איר קליין קעפּל איז געלעגן אויף מײַנע קני, מיט צעשויבערטע לאָקן, ווי אַ שוואַרץ־האָריקע חיהלע.

אַ רויקייט איז אויפגעקומען. פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס געריוש פון טריט. ס'איז געווען די נאַכטשיכט וואָס האָט זיך אומגעקערט פון די וואַרשטאַטן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך שטאַרק צוגעהאָרכט, נאָך דעם האָט זי געזאָגט: "שוין קיין פיל צייט ניט געבליבן צו שלאָפן, וועל איך אויפשטיין".

"ניין. ניין, שלאָף. נאָך געבליבן אַרום צוויי שעה כ'וועל דיך אויפוועקן".

"און דו?..." מיט אַ מאָל ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט, האָט זי ברוגזדיק צוגעגעבן: "אָבער דו ביסט דאָך סיי ווי סיי אַליין, טאָ גיי אָן ווייטער מיטן שרייבן... אַ גאַנצן טאָג אַרבעט איך, און דו ביסט אַליין. אין די נעכט בין איך מיד, און דו ביסט ווידער אַליין..." ס'איז געווען קענטיק איר ווילן ווי צו טאָן. אָבער אַ רגע שפּעטער האָט זי אַרויסגעצוויטשערט ווי אַ פאַרווונדעט פייגעלע, ווי זי וואָלט זיך באַקלאָגט: "און איך... איך?..." ווידער איז געווען שטיל. איר צער האָט מיר אַ קניפּ געטאָן ביים האַרצן. זי אַרבעט פאַר מיר... אין אָט די באַדינגונגען... איך האָב געזוכט אַ טרייסטיק וואָרט, אַ גרויס וואָרט וואָס זאָל אויסשעפּן די טיפקייט פון מיין עמאָציע, פון ליבע און דאַנק צו איר. און ווי אויף צו להכעיס האָבן זיך מיר אין מוח געקנוילט ווי אַ גיפטיק שלענגל צוויי ווערטער: דו אַכזר! דו אַכזר! און ווי זי וואָלט מיר אַריינגעקוקט אין האַרצן, האָט זי מיר מיט אַ ווייך מאַמיש קול אָנגעהויבן פרײַדיקן מוסר: "דו טראַכסט נאָר וועגן זיך, וועגן דיין איינזאַמקייט, און מיין אַליינקייט און מאַטערנישן זעסטו ניט. אויף וועמען לאָזסטו מיר איבער? געפינט זיך ניט ביי דיר אַ וואָרט פאַר מיר, כאָטש איין וואָרט? און מיר זענען דאָך אין געטאָ און איך בין אַ פרוי... דיין ווייב!... פאַרשטייסטו גאָר ניט ווי שווער מיר איז?!"

פּלוצעם זענען אין מיין מוח געבוירן געוואָרן ווערטער, גרויסע ווערטער. נאָר זי האָט ווייטער גערעדט, וואָס עס האָט זיך איר אָנגעקליבן אויפן האַרצן, טענות און פאַרדראָסן, אָבער אַלץ מיט אַזאַ רויקן פאַרשטאַנד און אָן בייזקייט.

"אָט שרייבסטו... לידער. פאַר וועמען און צו וואָס? דיינע איבערלעבונגען בלויז. וואָס פאַר אַן עגאָיזם, וואָס פאַר אַ פאַרזיכיקייט, אין אַזאַ צייט! אָט..." און זי האָט אויף אַ רגע אָפּגעהאַקט. און אַז זי האָט ווידער גערעדט איז שוין איר שטים געווען דינער און מער וואַרעם: "דערמאָן זיך, אַ סך מאָל האָסטו מיר צוגעזאָגט אָנצושרייבן די מעשה וועגן מעסער, און קיין וואָרט האָסטו נאָך ניט אָנגעשריבן". און ווי אין אַ געבעט האָט זי שטיל אַרויס געשעפּטשעט מיין נאָמען. אין האַרצן האָט מיר עפּעס אומגעוויינלעך וואַרעמס אַ צאַפּל געטאָן, ווען פון איר זיס קליין מיילכל האָט מיין נאָמען זיך אַרויסגעגליטשט, ווי אַ ביטע, אַ צואייל און פּרעטענזיע צוזאַמען. מיט אַ מאָל האָט מיך דער אימפּעט אַזאַ שטויס געטאָן, ווי פליגל וואָלטן מיר אָנגעוואַקסן, און חוץ דעם איינציקן באַגער אויסצופירן איר ווילן האָב איך מער קיין זאַך ניט געוואָלט: אָנשרייבן די געשיכטע פון מעסער און גלייך שוין. אָנגעשפּאַנט, ווי אין גאַנצן עלעקטריזירט, האָב איך איר אַ קוש געטאָן אויף די וואַרעמע ליפּן: "דו שלאָף איצט, שולמית, און איך וועל עס גלייך אויף אָן אָרט אָנשרייבן, ווי דיין ווילן איז, איך בין גרייט".

"ניין, דו דאַרפסט אויך שלאָפן, קינד..."

דאָס וואָרט קינד האָט אוי פגעזידט מיין בלוט. אַ פלאַם האָט אין מיר געברענט, מיט דער שטאַרקער תשוקה אָט תיכּף צו שרייבן, פאַר איר! עס מוז געשען! "איך בעט דיך, שלאָף, דאָס איז מיין ווילן". און כ'האָב מיט מיינע הענט איר קאָפּ אַוועק געלייגט אויפן קישן. אירע אויגן זענען געווען צופרידן און רויק. עטלעכע מינוט שפּעטער איז זי שוין געשלאָפן.

איך האָב געעפנט די לאָדנס. אַן אָפּגעבליאַקט-בלאָער שניי האָט געגלאַנצט קעגן בלאַסן הימל. אַ זילבערן רעדל פון דער לבנה איז געשטאַנען ביים ברעג פון האָריזאָנט. ס'איז געווען אַ טיפע פרימאָרגנדיקע שטילשווייגעניש, ווי דער גאַנצער אוניווערס וואָלט זיך אַריינגעטאָן אין זיין שאָל. און די שטילקייט האָט געאָטעמט פון דעם אינעווייניק פון דער שניי-באַדעקטער ערד, פון די הייזער, פון געטאָ... אַ מיסטעריעזער פּחד, די פּערמאַנענטע געטאָישע שרעק, וואָס זאָגט פאָרויס ווי דורך אַ כּישוף, האָט שוין מיר געפרעסן ווי אַ מילב אין האַרצן און ס'האָזט מיך באַהערשט אַ טרויער. פּלוצלינג האָב איך זיך דערפילט פאַראיינזאַמט אין דער אומזיכערער שטילקייט וואָס רינגלט מיך אַרום. ס'האַרץ האָט געפּויקט "שולמית, שולמיתל..." אַן אויפגערודערטע האָט זי אויפגעוואַכט, געעפנט די אויגן און צעטומלט צום פענצטער געקוקט: "שוין ליכטיק... צייט אויפצושטיין, האַ?"

"יע, שולמית". זי האָט באַמערקט אויפן טיש די אויסגעלייגטע אין אַ סדר ווייסע בויגנס און נחתדיק-צופרידן געפרעגט: "האָסט אָנגעשריבן?"

"יע, שולמית".

זי איז אויפגעשפרונגען, האָט מיך שטאַרק-שטאַרק אַרומגעאָרעמט און אַ קוש געטאָן. "ביסט אַ גאַנצע נאַכט וואַך געווען?"

"יע, שולמית".

"וועסט די מינוט זיך לייגן שלאָפן און אָפּשלאָפן דעם גאַנצן טאָג. הערסט!" האָט זי באַפעלעריש געזאָגט. "און איך וועל היינט ברענגען גוטע זאַכן, וועסט זען".

"אַ דאַנק, שולמית".

"אַך, דוד..." און אירע אויגן זענען געווען אַזוי אומעטיק.

עס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ווייסער ווינטער-פרימאָרגן איבער דער געטאָ. די געטאָ-איינוווינער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן און רודערן אין זייער שטייג. אויפן טיש האָבן געווייסט די בויגנס פון דער מעסער-געשיכטע.


## טייערע סלוצקיס און אָסטראָווס

מיינע האַרציקסטע ווונטשן צו אייך, פאַר גוטע קומענדיקע יאָרן - ביז איר וועט פייערן אַלע צוזאַמען דעם 200-יאָריקן חתונה יובל!

מיט פריינדשאַפט
**מאַשע הענלי**

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

צוויי לידער

## אַליין

גיי איך מיר אַזוי אַליין.
איינינקער אַליין.
עס באַגלייט מיך די פרעמד.
די פרעמד נאָר אַליין.

קומט מיר אַנטקעגן אַ בוים
אַ צעגרינטער.
זאָג איך אים:
בוים, בוים!
זיי מיין היטער.

ווייזט ער מיר די וואָרצלען -
איך קאָן ניט.
איך בין ניט באַשאַפן צום גיין;
נאָר צו שטיין מיין גאַנץ לעבן
אויף אַן אָרט.
נאָר אַזוי קאָן איך וואַקסן, בליען און
געדייען.

טרעף איך אַ שטיין
אין מיטן דערינען
אין מיטן דער וועלט
אַ שטיין אין פעלד.

זאָג איך אים:
שטיין, שטיין!
איך בין אַליין
און דו ביסט אַליין,
לאָמיר זשעביידע
זיין צוזאַמען.

שמייכלט דער שטיין
(אויף וויפל אַ שטיין קאָן שמייכלען)
איך וואָלט מיט פאַרגעניגן זיין דיין
באַגלייטער
בין איך אָבער אַ רויע ברילע.
אַפילו ווען אַ סקולפּטאָר זאָל פון מיר
אויסהאַקן הענט און פיס -
בלייב איך אַלץ דער קאַלטער ריז
וואָס ווייסט אָפּ אַ לעבן לאַנג
אָן אַ קרוב;
אָן אַ פריינט;
אַ גואל;
אַ יורש!

הייב איך דעם קאָפּ
און באַמערק אַ פויגל.
אַ פויגל גרויס און מעכטיק
אין סאַמע מיטן פלי.
ס'איז צו זען,
אַז ער איז ניט פון הי.
זיינע פליגל זענען אַנדערש
און אַנדערש די קאָלירן.
רוף איך אים:
פויגל, פויגל!
קום אַראָפּ און זיי מיר אַ חבר!
פאַרהאַלט זיך דער פויגל
און ענטפערט אַזוי:
איך האָב צוויי קורצע פיס,
אָבער נאָר צום שפּרינגען
און ניט צום גיין.
איך האָב אַ קול אַזאַ

וואָס ניט צום פאַרשטיין.
צוויי פליגלען האָב איך
ניט אַרומצונעמען, ניט צודריקן, ניט
גלעטן -
נאָר צום פליען.
איך בין אַ באַשעפעניש
פון די הייכן, פון די ברייטן, פון די ווייטן!
אָפגעזאָגט זיינס

און דער פויגל איז אַנטרונען -
און איך וואַנדער
אַזוי ווי כ׳האָב געוואַנדערט
געאָרעמט מיטן ווינט
ביז די נאַכט פאַרשווינדט.
ערגעץ ביי אַ וויסטן ראָג
וואַרט מיך שוין אָפ אַ טריבער און אַ
פאַרוועלקטער טאָג.

## נאָך די יום טובים

נאָך די יום טובים
וועלן פרוכטן אויף די ביימער זיך מערן.
עס וועט זיך אָפטער הערן
אַ מעקען פון זאַטע קי אין די שטאַלן
און דער הימל, אַן אויסגעצוואָגענער
וועט זיך צעשטראַלן.

נאָך די יום טובים
וועט זיין בעסער -
די וועלט, נאָך די רעגנס און נעפלען,
וועט אויסזען גרעסער.
מאַמעס וועלן קינדלען
און פאַרגרעסערן די געזינדלען.
טאַטעס וועלן אַהיימקומען פון דער
אַרבעט
ניט אַזוי מיד,
ניט אַזוי שפעט. מ׳וועט כאַפן אַ דרימל.
לייענען אַ ציטונג.
זען טעלעוויזיע.

נאָך די יום טובים
וועלן מענטשן זיין מילדער איינער צום
אַנדערן.
מען וועט בייטן דאָס מעבל.
אַריינשטעלן זיך נייע ציינער.
באַפרייען זיך פון די חובות.
אויסגלייכן די ביינער.
מען וועט זיך ניט יאָגן נאָך לייכטע
פאַרדינסטן
און ניט מקנא זיין דעם שכן וואָס האָט אַן
אייגענעם אויטאָ.

נאָך די יום טובים
וועט מען אָפשפאָרן אַ גראָשן צו אַ
גראָשן
ציילן די פראָצענטער.
מען ווערט עלטער
מען הייבט אָן צו בענקען
נאָך אַלטע טאַטע־מאַמע
וואָס זענען שוין פון לאַנג ניטאָ.

מען קאָן זיך ניט שענקען וואָס אין די
לעצטע יאָרן
אַזוי ווינציק מיט זיי זיך פאַרנומען -
איידער זיי זענען אַריין אין דער טיף פון
דער נאַכט.
איידער עס האָט זיך נאָך זיי די טיר
פאַרמאַכט.

נאָך די יום טובים.

רבקה באַסמאַן בן־חיים / הרצליה

# צוויי לידער

*

ווי איך וואָלט געזעסן אין אַ פּוסטן וואָקזאַל
און געוואַרט אויף דער שעה פון פאָרן,
וואַהין און צו וואָס? אין בלעטערפאַל,
ביי אַ לעצטער שוועל פון די יאָרן.

ווי איך וואָלט געזעסן מיט אַ פּעקל אין האַנט,
אַ בויגן פּאַפּיר און אַ בלייער,
און געדולדיק געוואַרט, זאָל קומען די באַן
מיך פון וואַרטן באַפרייען.

און וואַרטנדיק האַלטן דאָס לעבן אין פויסט
קיינעם ניט לאָזן עס נעמען,
און הערן פון יעדער סטאַנציע פאָרויס
דעם אָטעם פון לייבלעבע נעמען.

און וואַרטן גרייט מיטן בלייער אין האַנט
אַ נאָמען זאָל אָנהייבן ריידן -
געשעט געננו ווי אין לויף פון אַ באַן,
וואָס האַלט זיך כסדר אין שיידן.

*

אין גרויען דרויסן
שיינט אויף
דיין פליגלהאַנט
וואָס האָט באַרירט
דעם דאַך און
זיך געזעגנט.
פון דעמאָלט אָן
איז ווינטער אויף דער וועלט
און ס'רעגנט.

משה וואָלף

# באַליבטע פאָלקס־טיפּן אין שלום־עליכמס שאַפן

## (פּרווו פון אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז)

במשך פון מער ווי הונדערט יאָר נאָך זיין געבוירן און, באַזונדערס אין די ערשטע צענדליקער יאָרן נאָך זיין פּטירה, האָט די ליטעראַרישע (נישט נאָר די יידישע) וועלט מיט גרויס ענטוזיאַזם געיובלט און געהייליקט זיין נאָמען און זיין באַדייטונג פאַר דער מענטשלעכער קולטור, בכלל, און פאַר דער יידישער בפרט און בפרט. צום באַדויערן, טוט די אַכזריותדיקע צייט אירס. די בייזע שטורעמס און זייערע נאָכווייען פון דעם פאַרגייענדיקן יאָרהונדערט האָבן אָפּגעווישט פון דער ערד ניט פשוט זעקס מיליאָנען פון אונדזער פאָלק. נאָר זיין אַקטיווסטן טייל: שלום־עליכמס טיפּן און זיינע פאַרליבטע לייענער שבחייהם ובמותם לא נפרדו; דאָס, און אויך דאָס בייטן זיך פון די "אשמורות", דער אַוועקגאַנג פון די מתי־מעט "אָפּגעברענטע האַלעוועשקעס", וועלכע האָבן (צוליב פאַרשיידענע סבות) ניט באַוויזן איבערגעבן דעם נייעם דור זיין ירושה - דאָס אַלץ האָט גורם געווען צו דעם. וואָס אַלץ שטילער און זעלטענער לאָזן זיך הערן "קול חתן וקול כלה", די טענער און שטימעס פון די אייניקלעך און אוראייניקלעך, ווען זיידעס און עלטערזיידעס האָבן באַזונגען און באַשיינט מיט זיין פשוטן, זויבערן און געשליפענעם יידיש־קודש־לשון, שלום־עליכם.

און דאָך, למרות הכל, אויך נאָך היינט און, באַזונדערס אין זיינע יובל־טעג, קאָן ניט דער יידישער איבערבלייב באַגיין זיך אָן זיין ליכטיקן נאָמען - זיך ניט פאַרטראַכטן וועגן דער באַדייטונג פון שלום־עליכמען פאַר אונדזער ניט פריילעכן היינט און פאַר אונדזער וויטערדיקן קיום. און ניט נאָר בלויז ווייל זיין לשון קלינגט מיט דער אויסשליסלעכער מעלאָדיע פון יידישן לשון, און ניט נאָר צוליב זיין יידישקייט, וואָס לעבט אַפילו אין דער מעשה וועגן הונט ראַבטשיק, אין וועלכן עס ראַנגלט זיך דער יידישער שטוינענדיקער געדאַנקענגאַנג, די איינגעבוירענע יידישע ליבשאַפט צום לעבן און די יידישע סענסיטיווקייט צו אַלץ, וואָס באַליידיקט די ווירדע און דאָס גוטע אין דעם באַשעפעניש.

ניט ווייניקער (אויב ניט מער) פון דעם אַלעמען איז פאַר אונדז גרויס די באַדייטונג פון דער וווּנדערלעכער שלום־עליכם־דערשיינונג, זיין אַנטדעקונג פון דעם יידישן תוך, זיין יאָדער אַלס "היסטאָרישער יש און אַלס היסטאָרישע באַוועגונג" (י.י. טרונק). דורך דעם דאָזיקן יאָדער האָט ער מיט זיין קינסטלערישער פען במשך פון זיין שעפערישן לעבט באַמיט זיך אַריינדרינגען אין דעם קאָמפּליצירטן פּסיכאָלאָגישן געוועב פון יידישן קיום.

ס'איז באַוווּסט, אַז שלום־עליכם האָט ניט געמאָלט קיין העלדן, פאָרטרעטן פון פאַרבייגייענדיקע פערסאָנאַזשן. דאָס, וואָס ער פלעגט שילדערן, האָט שטענדיק אָפּגעשפּיגלט ניט אַזוי דעם יחיד, ווי קודם כל דעם פאַראַלגעמיינערטן טיפּ. אין זיינע ווערק האָט ער אַרויסגעפירט טיפּן.

אַ גאַנצע ריי היסטאָריקער, פילאָסאָפן, פּסיכאָלאָגן און נאַציע־פאָרשערס האַלטן, אַז יעדעס פאָלקס, און צווישן זיי דאָס יידישע פאָלק, טיילט זיך אויס מיט זיינע אָריגינעלע טיפּן, און, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון שלום־עליכמס הויפּט־טיפּן איז אַ שליסל צו דער

פסיכאָלאָגיע פון יידישן פאָלק.

ווער זשע זענען שלום־עליכמס טיפן, וועלכע דריקן אויס דעם תמצית־התוכן, דעם עקסטראַקט פון דער יידישער נשמה?

איידער צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע איז נייטיק מאַכן אַ קורצן עקסקורס אין דער מאָדערנער פסיכאָפיזיאָלאָגיע, כדי צו דעפינירן, וואָס באַטייט דער באַגריף "טיפ".

אַלע היינטצייטיקע פסיכאָלאָגן, סאָציאָלאָגן און אַנדערע טיפן־פאָרשערס זענען איינשטימיק, אַז דער מענטשלעכער טיפ איז אָפּהענגיק פון אַלע זיינע אָרגאַנען, סיי גייסטיקע, סיי פיזישע פונקציעס - פון קערפער־געבוי, פון דער אינערלעכער סעקרעציע (האָרמאָנען) און פסיכישע אייגנשאַפטן. נאָך מער: יעדן פיזישן קאָמפּלעקס פון קערפער־געבוי אַנטשפּרעכט אַ קאָמפּלעקס פון אַ פסיכישער סטרוקטור.

אין 1920, האָט דער באַוווסטער פסיכאָלאָג ערנעסט קרעטשמער פאַרעפנטלעכט זיין בוך "קערפער־געבוי און כאַראַקטער", שפּעטער האָבן די גרעסטע אויטאָריטעטן אין די געביטן פון פסיכאָלאָגיע און פסיכיאַטריע באַשטעטיקט קרעטשמערס אויפפאַסונגען און זיין לערע, אַז צווישן די צוויי קאַטעגאָריעס - צווישן געבוי פונעם קערפער און די אייגנשאַפטן פון כאַראַקטער - איז פאַראַן אַ געוויסער צוזאַמענהאַנג. קרעטשמער און זיינע נאָכפאָלגער טיילן אויס אַזעלכע 3 צוזאַמענהאַנג־טיפּן:

א. דער אַסטעניִשער טיפּ - דאָס איז אַ מענטש מיט אַ פאַרמעסיקן קליינעם קאָפּ, מיט אַ שמאָל, היפּאָמימישן פנים, מיט אַ שמאָלן און מאָגערן ברוסטקאַסטן, שמאָלע פּלייצעס, לאַנגע הענט, מיט אָרעמע באַוועגונגען. אָט דעם קערפער־געבוי אַנטשפּרעכט פסיכישע אינטראָווערטירקייט. אַזאַ מענטש איז "פאַרמאַכט" פאַר זיינע באַקאַנטע און פריינט. ער קען פאַרמאָגן ביז גאָר רייכע אידעען און געדאַנקען און אַ ביז גאָר רייכע און אַנטוויקלטע שפּראַך. אָבער רעדן רעדט ער ווייניק. זיין מימיק איז אָרעם און אָפט אַנטפּלעקט זי ניט זיין רייכע און סובטילע פילבאַרקייט. פאַרקערט, זיין מימיק פאַרבאַהאַלט אָפט זיינע טראַכטעניִשן און געדאַנקען.

ב. דער אַטלעטישער טיפּ. ער טיילט זיך אויס מיט זיין פינף, אָדער פירעקיקן קאָפּ. (נאַאָפּאָלעאָן, נעראָן, מוסאָליני). דאָס פנים איז פול מיט גראָבע מוסקולן און דריקט אויס אייגנמאַכט, זעלבסט צופרידנקייט, זעלבסטמיינונג, זעלבסטזיכערקייט און אַנטשלאָסענקייט. זיין ברוסטקאַסטן איז ברייט און גייט אַריבער אָפט אויף אַ גרויסן בויך. זיינע באַוועגונגען זענען אויסגערעכנטע, שפּאָרעוודיקע און אָפט ניט פּלאַסטישע. אויך פסיכיש זענען דאָס אויסגערעכנטע, דעצידירנדיקע מענטשן. אָפט זענען דאָס דעספּאָטישע פירערס, זיי האָבן פריינט, וועלכע זיי קלייבן פאַר זיך אויס אויף אַ געוויסער צייט, און זאָגן זיך אָפּ פון זיי זייער גרינג, ווען זיי קאָנען זיך אָן זיי באַגיין. זיי זענען עגאָאיסטיש געשטימט. זייערע איבערלעבונגען זענען קורצצייטיק און אָפט אויבערפלעכיק.

ג. און צום סוף קומט דער דריטער טיפּ - דער פּיקניקער. דער דאָזיקער טיפּ טיילט זיך אויס מיט דער שטאַרקער אַנטוויקלונג פונעם קאָפּ. דער קאָפּ ביי דעם פּיקניקער איז גרויס און קיילעכדיק. דאָס פנים איז ברייט, האָט פּראָפּאָרציאָנעלע געזיכט־שטריכן, די מימיק איז רייך און ווייך. די זשעסטן פון דעם קערפער זענען באַוועגלעך. ביי דעם דאָזיקן טיפּ רעדן אָפט די הענט און העלפן אים צו שמועסן אַפילו אויף ווייניק באַקאַנטע שפּראַכן.

דעם פּיקניקער אַנטשפּרעכט אַ באַזונדערע פּסיכישע סטרוקטור, וועלכע די פּסיכאָלאָגן רופן "ציקלאָטימיע". דער דאָזיקער נאָמען קומט פון צוויי גריכישע ווערטער: "ציקלאָס" און "טימאָס" "ציקלאָס" באַטייט "אַ ראָד" (פון דאַנען שטאַמען די ווערטער בייציקל, מאָטאָציקל, דער יאָר־ציקל א.אַ.וו.). דאָס ווייזט אָן אויף צוויי האַלב־קיילעכן - איינער מיט דעם הויכפּונקט אויבן - אַרויף, דער צווייטער מיט זיין נידערפּונקט אונטן - אַראָפּ. פון דאַנען - "גלגל חוזר"; די צווייטע העלפט פונעם גריכישן וואָרט ציקלאָטימיע - "טימאָס" - באַטייט "געמיט" (אויף ענגליש - mood). פון דאַנען דרינגט אַרויס, אַז דער הויפּט־שטריך פון דעם דאָזיקן טיפּ, איז דאָס ציקלישע - דאָס בייטנדיק זיך - ניט שטאַנדהאַפטיק געמיט. דער ציקלאָטימיקער איז שטענדיק איבערגעפּילט מיט געפילן, איבערלעבענישן, וועלכע שטראָמען פון אים אַרויס. ער קאָן זיי ניט אויסבאַהאַלטן, ער איז עקסטראַווערטירט, ד.ה. ער מוז זיך מיט עמעצן טיילן מיט זיין פרייד און טרויער, מיט זיינע הצלחות און שאָדנס. דער ציקלאָטימיקער מוז רעדן און רעדט אָפּטמאָל אַזויפיל, אַז דער צווייטער קאָן ניט אָפּשטעלן זיין מאָנאָלאָג.

און נאָך איין וויכטיקער שטריך. דער ציקלאָטימישער טיפּ האָט צוויי וואַריאַנטן:

1. דער היפּאָמאַנישער וואַריאַנט, ער צייכנט זיך אויס מיט זיין שטענדיק פריילעכן געמיט. ער איז אָפט אַפילו צו פיל פריילעך און זיין פריילעכקייט אַנטשפּרעכט ניט זייןווירקלעכער לעבנס־סיטואַציע.

2. דער סינטאָנישער וואַריאַנט. דאָס איז דער ציקלאָטימיקער, וועמענס געמיט איז אַ פריילעכער, נאָר זיין פריילעכקייט, אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקייט. זיין געמיט בייט זיך און איז אָפּהענגיק פון די רעאַלע אומשטענדן. דאָס זענען אין כלל האַרציקע מענטשן. זיי האָבן די פעיקייט זיך אַריינלעבן אין יענעמס לאַגע, זיי זענען אַחריותדיק, זוכן ניט קיין חסרונות אין אַנדערע און באַשולדיקן ניט זייערע פריינט און שותפים. פאַרקערט! זיי האָבן די נטיה צו פאַרדעקן יענעמס חסרונות און, ווען עס גליקט זיי ניט און עס גייט מיט דער "פּוטער אַראָפּ" באַשולדיקן זיי זיך, גופא. מיט אַזעלכע מענטשן איז גוט צו פאַרווילן. די דאָזיקע ציקלאָטימיקער קאָנען אויך ניט אויסבאַהאַלטן זייער צער און ווייטיק. זיי מוזן זיך אויך אָפּרעדן פונעם האַרץ, אָבער נאָר פאַר אַ נאָענטן פריינט. און אויב ס'זענען אַזעלכע ניטאָ, רעדן זיי מיט זיך אַליין, אָדער טענהן זיך אויס מיט גאָט, אָדער לכל הפחות מיט זייער שטומען הויז־בעלי־חי (פערד, בהמה, הונט א.אַ.וו.)

***

איצט קאָנען מיר זיך שוין אומקערן צו אונדזער איבערגעריסענער טעמע - צו שלום־עליכמען און צו זיינע באַליבטע טיפּן.

אין שילדערן פאָלקס־טיפּן איז שלום־עליכם ממש אַן אַנטפּלעקונג. אַז מיר זאָלן ניט וויסן, אַז שלום־עליכם האָט זיינע טיפּן באַשריבן מיט מער ווי 25 יאָר פריער, ווי עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס אויבן אָנגערופענע ווערק פון דעם פּסיכאָלאָג ערנסט קרעטשמער ("קערפּער־געבוי און כאַראַקטער"), וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז שלום־עליכם האָט זיך געניצט מיט יענעמס באַשרייבונגען. אין דעם אָבער באַשטייט די געניאַליטעט פון אונדזער פאָלקס־קינסטלער, אַז ער האָט דערזען מיט צענדליקער יאָר פריער דאָס, וואָס עס האָבן דערנאָך "אויפגעדעקט" פאַרשידענע פאָרשערס פון מענטשלעכן וועזן.

דאָס האָט ער דער ערשטער אויפגעדעקט דאָס אינערלעכע און אויסערלעכע

געשטאַלט פון זיינע באַליבטע יידישע טיפּן און דורך זייער פּסיכאָלאָגיע האָט ער אויפגעדעקט די וויכטיקסטע שטריכן פון דעם יידישן וועזן בכלל.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז שלום־עליכם האָט באַשריבן אַלע טיפּן פון אונדזער פאָלק. זיין רייכער אַבסאָרביר־אַפּאַראַט האָט פאַרחמעט אַלע יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וועלכע האָבן באַשיינט זיין לעבן. זיין פאַנטאַזיע שימערירט און בליצט מיט עכט יידישן הומאָר, מיט קאָמישע איינפאַלן אין ביז גאָר פאַרשיידענע סיטואַציעס.

און דאָך, ביי דער גאַנצער רייכקייט פון פאַרשיידענע טיפּן, וועלכע שלום־עליכם האָט זיין גאַנץ לעבן אַנטפּלעקט פאַרן לייענער, האָט ער מיט אַ באַזונדערער ליבע און מייסטערשאַפט אַרויסגעבראַכט די טיפּן, וועלכע טרעפן זיך צווישן אחינו בני ישראל אַ סך און אַ סך אָפטער ווי ביי אַנדערע פעלקער. דאָס זענען די ציקלאָטימישע טיפּן. זיי זענען דער שליסל צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם יידישן פאָלק. אַ גאַנצע ריי פאַקטן, באַזונדערקייטן פון דער יידישער פּסיכאָלאָגיע צווינגען אונדז אָנצונעמען, אַז דער ציקלאָטימיקער קומט פאָר צווישן יידן מיט אַ באַזונדערער אָפטקייט. (זע "סאָציאַלע מעדיצין" נומ. 1–2 און 3–4, 1938).

שלום־עליכם האָט די צוויי ציקלאָטים־וואַריאַנטן פאַרקערפּערט אין זיינע צוויי באַליבטע געשטאַלטן - אין מנחם־מענדלען און אין טוביה דעם מילכיקן. אַ גרויסע צאָל פון די דאָזיקע צוויי פּסיכאָלאָגישע טיפּן האָט טאָג טעגלעך שלום־עליכם געזען אין זיין סביבה, און ער האָט זיי אויסגעמאָלט ווי אַן עקסטראַקט פון אַ סך אמתדיקע לעבנס־געשטאַלטן און כאַראַקטערן.

ס'איז ביז גאָר אינטערעסאַנט און באַדייטנדיק, אַז שלום־עליכם גופא האָט זיך אידענטיפיצירט מיט זיין פּראָטאָטיפּ, מיט מנחם־מענדלען. אין זיינעם אַ בריוו צו מענדעלע מוכר ספרים שרייבט ער זיך אונטער: "אייער נאַרישער אייניקל, וואָס האָט באַדאַרפט הייסן מנחם־מענדל, נאָר על־פּי טעות, הייסט ער שלום־עליכם". אין אַן אַנדערן אָפּנהאַרציקן בריוו לייענען מיר: "קיין שונאים האָב איך נישט, ווייל איך בין קיינעם ניט קיין שונא, ווייל טוביה איז אַ בעל בטחון און ווייל מנחם־מענדל גלייבט דער גאַנצער וועלט - - איר ווייסט דאָך, אַז איך גלייב אַלעמען, נאָר ניט מיר. אין מיר זיצט אַ מעפיסטאָפעל אַזעלכער, און לאַכט און מאַכט חוזק פון מיין שרייבעניש" ס'איז אויך באַוווסט, אַז שלום־עליכם בכבודו ובעצמו האָט אַ געוויסע צייט, ביז ער האָט אַלץ פאַרשפּילט, געהאַנדלט אויף דער בערזשע. אין דער הקדמה צום מנחם־מענדל־בוך שרייבט שלום־עליכם: "מנחם־מענדל איז נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן" (...) "דאָס איז אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועלכן דער פאַרפאַסער איז פּערזענלעך נאָענט" (...) "ער איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַ שאָק לעבן... באַגעגנט זיך מיט אים אויף דער אָדעסער קליינער בערזשע, אינעם יאָר 1892".

אין דעם רוסישן מנחם־מענדל־וואַריאַנט גיט אונדז שלום־עליכם אַ גענויע באַשרייבונג פון זיין פּראָטאָטיפּס קערפּער־געבוי: "אונדזער באַקאַנטער איז געווען אַ נידעריטשקער, אַ גראָביטשקער מיט אַ שטאַרק באַוועגלעכן פּנים. אַ בחור פון אַ יאָר 40 אָדער 50. ווען זיינע געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט, פלעגט ער ווערן יינגער, און ווען עס האָט ניט געגליקט, פלעגט ער שוין ניט אויסזען אַזוי יונג, כאָטש דאָס פּנים זיינס איז שטענדיק געווען לעבעדיק. אויף זיינע ליפּן האָט שטענדיק געשפּילט אַ לעבנלוסטיקער שמייכל".

פון די געבראַכטע קורצע שורות דערשיינט אַ ציקלאָטימיקער. צו זיין קערפּערגעבוי

פֿאַסט זייער גוט זיין גאַנצער כאַראַקטער - זיין פּסיכיש געשטאַלט, זיין קוועקזילבערדיקע באַוועגלעכקייט. מנחם־מענדל איז שטענדיק אין באַוועגונג. ער גייט ניט - ער פֿליט. אַט איז ער דאָ, און אַט איז ער שוין אויף אַן אַנדער אָרט. ער בייט זיינע געשעפֿטן און איז זיכער, אַז דאָס מאָל וועט דאָס מזל אים צושפּילן, און אין יעדן בריוו פֿאַרזיכערט ער זיין ווייבל, שיינע־שיינדלען, אַז אָט־אָט וועט ער זי באַגליקן. אָבער פֿון זיינע אַלע גילדערנע געשעפֿטן לאָזט זיך אויס אַ פּוסטער חלום. פֿון דעסטוועגן קאָן מען ניט זאָגן, אַז מנחם־מענדל איז אַן אַוואַנטוריסט, אַ ליגנער. מנחם־מענדלס גאַנץ שמייען און האָווען, זיינע אַלע גילדענע געשעפֿטן און אויספֿאַנטאַזירטע גליקן קומען פֿון זיין אָפּטימיסטישן כאַראַקטער און פֿון זיין איגנאָרירן דיווירקלעכקייט, פֿון זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, פֿון זיין אָנסופֿיקן אָפּטימיזם, וואָס שטראָמט פֿון די טיפֿענישן פֿון זיין פּערזענלעכקייט אַפֿילו אין די סאַמע שלעכטע באַדינגונגען.

אָבער ביי דער גרויסער מאַסע, ביי די אַנדערע מנחם־מענדלס גייט זייער זוניקער אָפּטימיזם, זייער האַרציקייט און איינפֿילבאַרקייט צוזאַמען מיט יישוב הדעת, מיט צופּאַסנפֿעיקייט און עלאַסטישקייט.

אָט די איבערגערעכנטע פּסיכישע אייגנשאַפֿטן געפֿינען מיר ביי דעם צווייטן - ביים סינטאַנישן ציקלאָטימישן וואַריאַנט - ביי דעם מיושבדיקן און מער רויקן "מנחם־מענדל" - ביי טוביה דעם מילכיקן.

טוביה דער מילכיקער איז אַ האַרעפּאַשניק. פֿון פֿרי־טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער פֿאַרנומען מיט זיין "מילכיקער" אַרבעט, מיט מפֿרנס זיין די פֿיל־גלידערדיקע משפּחה, און זיין סוסתי; מיט די זאָרגן וועגן זיינע טעכטער. ער איז שטענדיק צוזאַמען מיט זיין ווייב. אָן איר איז זיין לעבן קיין לעבן נישט. ער איז אויך אַ שטיקל פֿילאָסאָף, אַ קלוגער ווערטל־זאָגער.

דאָס אַלץ קאָן ברענגען צו אַ ניט באַגרינדלעכן אויספֿיר, אַז טוביה געהערט צו אַן אַנדערן טיפּ, ווי מנחם־מענדל, אַז ער איז פֿון אַן אַנדער טייג געקנאָטן.

אין דער ווירקלעכקייט, אָבער, זענען זיי צוויי נאָענטע קרובים, אָבער זיי האָבן חילוקים אין זייערע כאַראַקטערן. טוביה איז אויך אַן אָפּטימיסט, ער לעבט אויך מיט בטחון. אָבער זיין אָפּטימיזם קומט קיינמאָל ניט צו שאַרפֿע קאָנפֿליקטן מיט דער ווירקלעכקייט. טוביהס בטחון איז אַ רויקער און פֿילאָסאָפֿיש אַ געלייטערטער. די געמיינשאַפֿטן און די חילוקים קומען צום בולטסטן אויסדרוק אין טוביהס מאָנאָלאָג "אַ בוידעם" (דרך־אגב, דאָס וואָס טוביה נוצט זיך מיט מאָנאָלאָגן, באַווייזט אויך, אַז ער איז אַ ציקלאָטימיקער, אַן אָפֿענער מענטש. ער מוז זיך אויסרעדן. אויב ער האָט ניט פֿאַר וועמען, רעדט ער מיט זיך אַליין, מיט גאָט און אַפֿילו מיט זיין פֿערדל).

אויך טוביה לאָזט זיך אַריינציען אין מנחם־מענדלס געשעפֿטן, ער פּרוּווט אויך האַנדלען, שמייען, אַזוי לאַנג ביז ער פֿאַרלירט זיין שווער פֿאַרהאָרעוועט ביסל געלט. אָבער נאָך דעם לאָזט ער זיך מער ניט פֿאַרפֿירן פֿון מיראַזשן.

פֿון דעם דאָזיקן עפּיזאָד דרינגט אַרויס טוביהס עלאַסטישקייט און זיין נייגונג צו רעכענען זיך מיט דער ווירקלעכקייט, און זיין אַנדערשקייט. טוביה איז ניט היפּאָמאַניש, ווי זיין קרוב מנחם־מענדל. ער איז אַ סינטאָנישער ציקלאָטימיקער מיט אַ נישט שטאַרקער נייגונג צו דעפּרעסיווע שטימונגען.

מנחם־מענדל און טוביה רעאַגירן ביז גאָר אַנדערש אויף זייערע אומגליקן. מנחם־מענדל פֿילט זיך קיינמאָל ניט שולדיק אין זיינע שלימזלדיקע געשעפֿטן. ער

באַשולדיקט אַלע, נאָר ניט זיך אַליין.

טוביה פאַרקערט! דאָס עיקרדיקע אין טוביהס פּסיכישער דינאַמיק, איז זיין אחריות־געפיל. זיין שולד־באַוווסטזיין, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם סינטאָנישן ציקלאָטימיקער.

טוביה געפינט זיך אין אַ קאָנפליקט מיט זיינע טעכטער, מיט זייערע צוקונפטדיקע מענער - מיט די מאָטל קאַמזוילס, מיט די פּעפּערלעך א.א. זיי אַלע, פון איין זייט, און טוביה, פון דער צווייטער - זענען צוויי קעגנגעשטעלטע לאַגערן. אָבער וואָס זעען מיר דאָ? - ניט קיין מלחמה־צושטאַנד! נאָך אַ קליינעם ווידערשטאַנד - נאָך עטלעכע טוביהס אייגנאַרטיקע פּסוקים אויסטייטשונגען - גיט ער אַלע מאָל נאָך. עס בלייבט אַזוי, ווי עס ווילן זיינע טעכטער.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז טוביה קאַפּיטולירט. טוביהס הסכמה אויפן שידוך מיט מאָטל קאַמזויל איז ניט קיין פאַרשפּילטע מלחמה, נאָר אַן אויסדרוק פון זיין האַרציקן טעמפּעראַמענט, פאַר וועמען ס'איז ניטאָ קיין גרעסער גליק, ווי געפינען קאָנטאַקט צו מענטשן, ווי ווייט זיי זאָלן ניט זיין לויט זייערע לעבנס־אַנשויונגען. אַ דאַנק זיין גאָט געבענטשטער פעיקייט אַריינצולעבן זיך אין יענעמס לאַגע, מיידט טוביה אויס די עקסטרעמקייט פון קאָנפליקטן און באַמיט זיך געפינען אַ זכות פאַר דעם נייעם דור. אָט די פעיקייט אַריינצופילן זיך אין דער לאַגע פון זיינע טעכטער און מיט צוהעלפן זיי, רעדט צו אונדז מיט איר גאַנצער יידישער אוניווערסאַלער האַרציקייט: -"טוביה, זאָג איך צו מיר אַליין, מאַך ניט קיין פוילע תשועות און זאָג באָם"! (מאָנאָלאָג "היינטיקע קינדער")

די דאָזיקע טוביהס טאַקטיק ווערט נאָך בולטער אין דער געשיכטע מיט זיין טאָכטער האָדל. דער קאַמף, וואָס עס פירט דאָ טוביה, דאָס איז אַ קאַמף, וואָס ער פירט מיט זיך אַליין. דער דאָזיקער קאַמף ענדיקט זיך דאָ מיט אַ נצחון פון די העכסטע און שענסטע געפילן! טוביה, וועלכער וואָלט באַדאַרפט אַרויסטרעטן קעגן איר אי אַלס פאָטער, אי אַלס ייד, וועמען ס'זענען פרעמד די רעוואָלוציאָנערע אידעען, דער זעלבער טוביה, ניט נאָר וואָס ער רייסט ניט איבער מיט האָדלען, ער גופא העלפט איר אויספירן איר פּלאַן, "ווייל טוביה איז ניט קיין יידענע". ער גיט נאָך האָדלען ניט דערפאַר ווייל ער פאַרשטייט זי און האַלט פון אירע אידעאַלן. טוביה פאַרשטייט זי ניט, נאָר ער פילט, אַז ער מוז טון אַזוי און ניט אַנדערש.

אָבער ווי מיר געדענקען איז טוביה ניט שטענדיק נאָכגיביק. טוביהס עלאַסטישקייט האָט גרענעצן - גרענעצן פאַר זיינע געפילן און פּרינציפּן. ווען עס קומט צו דעם מאָמענט, ווען מען נייט אים עובר זיין אָט די גרענעצן, ווייזט אַרויס טוביה אַן אייזערנעם ווידערשטאַנד. ווען זיין באַליבטע טאָכטער, חוה, אַנטלויפט מיט דעם שגץ כוועדקען און שמדט זיך, רייסט טוביה זי אַרויס פון זיין האַרצן און וויל זי מער ניט קענען - "לא יזכר ולא יפקד". (די דאָזיקע גרענעץ איז געווען אויך דער וויכטיקסטער פּרינציפּ פון שלום־עליכמס קרעדאָ, אין דעם 5־טן פּונקט פון זיין צוואה לייענען מיר: "די יעניקע פון מיינע קינדער, וואָס וועלן זיך אָפּוואַרפן פון זייער שטאַם און וועלן אַריבער אין אַן אַנדער גלויבן, האָבן זיך שוין דערמיט אָפּגעוואָרפן פון זייער פאַמיליע און אַליין אויסגעמעקט זיך פון מיין צוואה -ואין להם חלק ונחלה בתוך ישראל אחיהם").

טוביהס דעציזירנדער אויסגעשריי "לא יזכר ולא יפקד" - דער אַרויסריס חוהן פון זיין האַרצן, קומט אים אָן ניט גרינג, זייער שווער און פיינפול. טוביה וואַקסט דאָ אויס

צו אַ גרויסער טראַגישער פיגור, וואָס ראַנגלט זיך מיט זיין שטאַרקסטן שונא, מיט דעם גלח, ראַנגלט זיך... ביזן סוף - ביז ער פאַלט אַ באַזיגטער.

***

ווי ס'איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַנטפּלעקט זיך אין שלום-עליכמס פּסיכאָ-ציקלאָטימישע טיפּן די יידישע פעיקייט זיך אַריינצולעבן אין יענעמס לאַגע. אין אַלע אַנדערע ווערק, ווייזט אונדז שלום-עליכם, אַז זיינע יידישע טיפּן זענען ניט גרויזאַם, זיי איז דערווידער בלוט-פאַרגיסן, בלוט פאַרברעכנס. יידן זענען רחמנים בני רחמנים - רחמנים בירושה.

די איבערגערעכנטע יידישע אייגנשאַפטן, דער יידישער ציקלאָטימישער טיפּ איז אַנטשטאַנען אין לויף פון טויזנטער יאָרן אַלס רעזולטאַט פון קאַמף מיט די שווערסטע לעבנס-באַדינגונגען, אין קאַמף, וועלכן די יידן האָבן געפירט פאַר זייער עקזיסטענץ. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט די ציקלאָטימישע אייגנשאַפטן - דער יידישער בטחון, יידישער רחמנות, די יידישע האַרציקייט, אַלע מינים פון פאָלקס-שאַפן און פאָלקס-באַוועגונגען, אין די יסודות פון וועלכע עס זענען פאַרלייגט געוואָרן די מיילשטיינער פון האָפענונג, פון פרייד, גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן, אין דעם מענטשלעכן אינעם מענטש. נאָר די יידישע ציקלאָטימיקער זענען געווען מסוגל צו שאַפן די איניקאַלע חסידישע פאָלקס-באַוועגונג, וועלכע עס האָט זיין גאַנץ לעבן באַזונגען י.ל. פּרץ.

דאָס אַלץ - די איבערגערעכנטע שטריכן, דאָס זענען, פאַרשטייט זיך, די גרויסע יידישע מעלות, מיט וועלכע מיר טיילן זיך אויס פון אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער דאָ קומט אויף פאַר אונדז אַ ריי האַרבע שאלות: נו, און קיין חסרונות זענען אין אונדזער ציקלאָטימישן גייסטיקן טיפּ ניט פאַראַן? און אַ נאָך מער שווערע פראַגע - ווי אַזוי האָבן די אַזוי גערופענע מעלות געדינט דעם יידישן פאָלק אין דער צייט פון אומקום, פון חורבנות, באַזונדערס, אין דער צייט פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, חורבן בית שלישי?! צו האָבן זיי אונדז געהאָלפן, אָדער ,פאַרקערט - גאָר געשטערט?

די נאָכחורבנישע פאָרשונגען, אויסגעפילטע דורך אַ גרויסע צאָל פון סאָציאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן און פּסיכיאַטערן האָבן באַוויזן, אַז אונדזערע איבערגערעכנטע גייסטיקע מעלות האָבן ניט געהאָלפן און אין דעצידירנדע סיטואַציעס געבראַכט אונדז צו גרויסע פאַרלוסטן. און אָט פאַרוואָס:

מיר יידן, ניט זייענדיק פעיק צו מאָרדן, צו פאַרגיסן אומשולדיק בלוט, האָבן ניט געקאָנט חושד זיין אַנדערע פעלקער, אַז זיי קאָנען באַגיין אַזעלכע פאַרברעכנס. מיר האָבן ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז מען זאָל הרגהנען מענטשן, אַ גאַנץ פאָלק נאָר דערפאַר, ווייל מיר געהערן צו אַן אַנדערע "ראַסע".

די ווילדע, בלוטדאָרשטיקע בעסטיעס האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן זייערע באַרבאַרישע פּלענער, און מיר האָבן אַלץ נאָך געגלויבט און פאַרלאָזט זיך אויף דעם בטחון-געפיל. ניט געקוקט אויף אַלע שרעקלעכע דערפאַרונגען, אויף די שרעקלעכע געשעענישן בעת דער "קריסטאַל-נאַכט", האָט דאָס אייראָפּעיש און אַמעריקאַנער יידנטום ניט אויפגעהערט צו האָפן, אַז די "עפּידעמיע" וועט אַריבערגיין. שוין זייענדיק פאַרשפּאַרט אין די געטאָס, האָבן די קרבנות אַרויסגערוקט "שכלדיקע" אַרגומענטן, אַז דעם שונא לוינט ניט אומצוברענגען די יידן, ווייל ער באַדאַרף דאָך אַרבעט-קראַפט, און פאַר אים איז גלייכער אויסצונוצן, איידער צו פאַרטיליקן אַלץ און אַלעמען.

מיר זענען געווען ניט פּסיכיש, ניט פּאָליטיש מאָביליזירט קעגן דער גרויסער שחיטה.

דער יידישער בטחון האָט אונדז פֿאַרבלענדט, פֿאַרשטעלט די וועלט און געמאַכט אונדז בלינד. אונדזערע פּאָליטישע פּאַרטייען און וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס זענען ניט געשטאַנען אין דער געהעריקער הויך. זיי און מיר אַלע האָבן געהאָפֿט, אַז די וועלט וועט ניט דערלאָזן.

זי האָט אָבער, יאָ דערלאָזט!

מיר זענען געווען נישט נאָר געוועדלאָזט, נאָר אויך דעזאָריענטירט. אַפֿילו דעמאָלט ווען אין פּולן גאַנג זענען שוין געווען די "אַקציעס" אַפֿילו דעמאָלט, האָט דאָס יידישע אחריות־געפֿיל אַ לאַנגע צייט ניט דערלאָזט צו אַקטן פֿון נקמה. דער שונא האָט דאָס אַלץ אויסגעטייטשט אויף זיין אופֿן: "יידן דערלאָזן ניט צו בלוטיקער אָפּרעכענונג, ווייל זיי זענען אומווירדיקע מייז, ווייל זיי זענען נישט פֿעיק זיך קעגנשטעלן און זענען גרויסע פּחדנים".

אָבער די אויפֿשטאַנדן אין אַ ריי געטאָס און, קודם־כל דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָבן באַוויזן, אַז צו אַלץ איז דאָ אַ גרענעץ, און ווען עס קומט דער לעצטער מאָמענט פֿון אויסקלייב אָדער גיין צו דער שחיטה כצאן לטבחה, אָדער ביז דעם לעצטן אָטעם קעמפֿן מיט דעם שונא, פֿאַלן, שטייענדיק אויף די פֿיס און מיט די לעצטע כוחות באַשיצן די ווירדע פֿונעם מענטש, פֿונעם יידישן פֿאָלק, האָבן די געציילטע איבערגעבליבענע סקעלעטן אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג, פּונקט ווי טביה דער מילכיקער, רעזיגנירנדיק פֿאַרן גלח, האָט אַרויסגעריסן פֿון זיין האַרץ זיין געליבטע טאָכטער, חוהן, אַזוי אויך זענען די ביז גאָר קליינע, כמעט ניט באַוואָפֿנטע גרופּעס אויפֿגעשטאַנען און ביז דעם לעצטן אויסהויך פֿון דער נשמה געשלאָגן דעם שונא. דאָס איז זייער וויכטיק פֿאַר אונדז און אויך אַקטועל אין היינטיקער צייט – צו ישעיהוס אחרית הימים איז נאָך זייער ווייט. מיר טאָרן ניט פֿאַרגעסן, אַז אַחוץ מעלות האָבן מיר אויך גייסטיקע פּגמים, און מיר מוזן פֿאַרבלייבן וואַכזאַם.

מיר, אונדזערע קינדער און אייניקלעך מוזן וויסן און טאָרן ניט פֿאַרגעסן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטיינד. ווייל, ניט געקוקט אויף זיין טראַגישן סוף, האָט ער אַנטפּלעקט אין אונדז אייגנשאַפֿטן, וועלכע מיר האָבן אַמאָל פֿאַרמאָגט, נאָר וועלכע זענען אין לויף פֿון יאָרהונדערטער פֿאַרשווינדן געוואָרן. דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך איבערגערופֿן מיט אונדזער אַלטן אַמאָל פֿון די חשמונאים און בר־כוכבא, ער האָט אויך באַוויזן, אַז די אויפֿגעוואַכטע יידישע אייגנשאַפֿטן זענען די מייל־שטיינער אויף דעם וועג צו אַ נייעם, צו אַן אַנדערן טיפּ יידן.

דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ פֿאַרבלייבט אַ היסטאָרישער אַקט פֿון קדושה און גבורה. גבורה, נישט נאָר לגבי דעם שונא, נאָר אויך גבורה און קדושה לגבי זיך זעלבסט. מיר מוזן גובר זיין אונדזער אומבאַגרענעצטן אָפּטימיזם, וועלכער אין קאַמף פֿאַר קיום קאָן ווערן אַ שטערונג פֿאַר אונדז צו בלייבן אַ פֿאָלק צווישן פֿעלקער גלייך.

אָט דאָס זענען די באַלערנדיקע געדאַנקען, וועלכע עס קומען אויפֿן זענען, ווען מען באַטראַכט שלום־עליכמס באַליבטע טיפּן אין צוזאַמענהאַנג מיט די טראַגישע געשעענישן, וועלכע אונדזער פֿאָלק האָט איבערגעלעבט אין די יאָרן פֿון דעם לעצטן יידישן חורבן.

און דאָך פֿאַרבלייבן מיר יידן, ווייל די הויפּט־שטריכן פֿון דעם יידישן כאַראַקטער בלייבן טעטיק אין אונדזער וועזן און רופֿן "לא אמות כי אחיה". דאָס יידישע פֿאָלק האָט נאָך נישט אויסגעפֿילט זיין מיסיע, מיר מוזן לעבן און קיינמאָל ניט זאָגן, אַז "מיר גייען דעם לעצטן וועג".

פיניע פלאָטקין

# אין שטעטל אין מיינס<br>איז איין ייִד ניט געבליבן

אין שטעטל אין מיינס איז איין ייִד ניט געבליבן,
נאָר איך וועל דאָס שטעטעלע סיוויסיי ליבן.
דאָרט האָבן געלעבט בעלי־מלכות, פּאָעטן און דענקער -
די וועלט וועט זיי ניט בלויז דערמאָנען,
נאָר שטענדיק געדענקען.
אָן זיי בין איך אָרעם, אָן זיי בין איך עלנט -
די ייִדישע פרויען און מענער מיר פעלן.
מיר פעלן די קינדער - די גרויסע, די קליינע,
די יינגעלעך שלאַנקע, די מיידעלעך שיינע,
מיר פעלן אויס זייער די בחורים יונגע,
די לידער, וואָס זיי האָבן פרייִלעך געזונגען.
ניט זעלטן איך פלעג אין מיין האַנטבוך פאַרשרייבן
ווי זיי פלעגן שוואָמען און יאַגעדעס קלייבן
אין נאָענטן וואַלד צווישן וועגן און שטעגן,
דאָס רוב נאָך אַ שטילן און וואַרעמען רעגן.

ווייט פון אָקעאַן איז מיין זומער געבליבן -
צי דאַרף איך אים שעצן, צי מעג איך אים ליבן,
אַוועלכער אין מיר האָט זיך פעסט איינגעגלידערט
און לאָזט מיך ניט רוען, און עקבערט, און קימערט,
אַוועלכן איך לויב און וועל סיוויסיי לויבן,
אַוועלכן איך גלויב און וועל סיוויסיי גלויבן,
אַוועלכן ביז איצט איך געדענק און געדענק ניט,
נאָך וועלכן כ׳האָב, פּשוט, פאַרבענקט זיך, פאַרבענקט זיך,
צו וועלכן אין שטעטל איך וועל שוין ניט קומען
פון געגנט, ווו שטענדיק איז פרילינג און זומער?

נאָוועמבער 1998

## ערב שבת

דער זיידע צוויי לייכטער געפּינט -
ער שטעלט זיי אַוועק אויפן טיש.
די באָבע וועט אָפּבענטשן ליכט,
די מאַמע וועט אָפּקאָכן פיש.
ביז שפּעט וועט זיך בראָטן דאָס פלייש,
וואָס זי האָט אין יאַטקע געקויפט.

גלייך, ווי אַ פּאַרסמטער, פון קלייט
אַ קאָטער אַ שוואַרצער אַנטלויפט.
אין שטוב איז ניט וואַרעם, נאָר ריין,
די בעטן, ווי שטענדיק, פאַרבעט.
דער טאַטע אַהיים קומט צוגיין
ערב שבת, ניט שפעט.
ער זעצט זיך ניט גרינג אויף אַ באַנק
און ווענדט זיך באַלד צו זיין פרוי:
-מיין ליבע, דעם קוגל דערלאַנג,
די חלה, אַביסעלע קרויט.
גענוג פונדערפרי ביז ביינאַכט
אַרומלויפן, שטיין אויף די פיס...
צי זיינען די קינדערלעך זאַט,
וועט ער זיך אַ פרעג טאָן געוויס.
דער קלענסטער פון אונדז, ווי אַ קלעק,
וועט זיצן ביי אים אויף די הענט.
די באָבע גייט שלאָפן אַוועק,
און לייכטער אַ ליכטל דערברענט.
דער טאַטע בלייבט זיצן פאַרקלערט.
- - - - - - - - - - - -
אין שטיבעלע וואַרעמער ווערט.

באָברויסק. 1971

## שפעטע קווייטן

אַ קאַלטער ווינט
האָט זיך געדרייט -
געשטיפט, געקלעטערט
אין יישוב
לעם אַן אַלטן פלויט,
ווו ס'וואַקסן קווייטן
שפעטע.
אַ גוטער מענטש
האָט זיי באַמערקט
געבענטשט, געצערטלט,
ס'זאָל זיין זיי ווייך
די רויע ערד
און זיס דאָס ערטל,
ווו די נאַטור
ניט קאַרג, ניט פרעמד,
נאָר זיכער, פשוט,
וועט היטן
זייער עקזיסטענץ
ביז שפעט אין אָסיען.
מיט שפייז דער באָדן
ניט אומזיסט
פלעגט זיי באַזאָרגן...
נאָר ס'איז געוואָרן
פוסט-און-וויסט
לעם פלויט, אין גאָרטן -
גלייך ס'האָט
די פרייגעביקע ערד
אין אַכט גענומען
ווער, וויפל, וואָס
פון איר באַקומט
און דאַרף באַקומען.

יוני 1998

שירה גאָרשמאַן / אשקלון

# וואָס טוט מען מיט דער מאַמען?

די מאַמע הייסט ריבע גיטל. אין שטוב איז אַ חורבן. די קאָלדרעס זענען שוין צונויפגעוויקלט, די קישנס זענען אָן ציכלעך, ריבע גיטלס זון גדליה מיינט, אַז ער רעדט שטיל מיט זיין שוועסטער מרים, נאָר ריבע גיטל שמועסט אָפּן: "וואָס שושקעסט דו זיך מיט מירקען? דאָס איז ניט קיין קאַץ, אין זאַק וועסטו דאָס ניט אַריינלייגן. דו מיט מירקען און ברכהקען מאַכט איר זיך נאַריש, עס דאַכט זיך אייך, אַז איר באַהאַלט עפּעס פאַר מיר, זאָג איך אייך, אַז עס איז נישט דאָ וואָס צו באַהאַלטן. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט קומען שטאַקאַס, דער גרויסער מערדער, ער וועט צונעמען די בעטגעוואַנט און די זילבערנע כוסות, מיטן זילבערנעם זאַלצערעל, מיט די איבריקע זילבערנע פּסחדיקע זאַכן, הלוואי וואָלט אים פון מויל אַרויסגעשטראָמט דאָס גאַנצע יידישע בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן... הערט מיינע געציילטע ווערטער: בעט ביי גאָט קיין האָר נישט, ער שוויגט און ער איז טויב... אין אַ סך ליטווישע שטעטלעך איז שוין קיין ייד אויף קיין רפואה נישטאָ... קיין זאַך רייסט מיר נישט אַזוי פיל שטיקער פון מיין האַרצן, ווי דאָס, וואָס איך האָב אַרויסגערופן ברכהקען דאָ אַהער, צוליב שירקעס קומען פון מאָסקווע. ווען איך היפּער אַריבער איין טאָג, וואָלט ברכהקע נישט געקומען. און איר מאַן וואָס האָט געלייגט אין דער ערד אַריין דייטשן, וואָלט געוווסט מיך צו ראַטעווען. שטאַקאַס האָט מיר שוין געזאָגט, אז איך זאָל זיך נישט באַהאַלטן ווייל דאָס וועט מיר ניט העלפן. איך וועל זיך לייגן מיט אַלע אין איינעם. אוי גאָט! פאַרוואָס ביזטו אַזוי בלינד? אַזוי טויב און שטום? צי הערסטו נישט די שוידערלעכע געשרייען פון די קינדער? אַ צען יעריק מיידעלע פון דאַטנעווע האָט געקושט די שטיוול פון אַ דאָרטיקן מערדער און זי האָט צו אים געזאָגט, ווי זי האָט פאַרשטאַנען: פּיאָטראַס! גיב אַ קוק אויף מיר, אויף מיין מאַמע און אויף מיינע ברודערלעך, מיר זענען פּונקט ווי דו ליטווינער, הרגע אונדז ניט, מיר האָבן דיר און דיינע אַלע קיין שום שלעכטס נישט געטאָן, גיי בעסער אין דיין תיפלה, און זאָג דאָרטן, אַז די גלחים זאָלן ניט דערלאָזן אַז מען זאָל הרגענען יידן.

גדלקע, מירקע, נעמט ביידע קינדער און האָלט זיי אויף אייערע הענט, זיי זאָלן ניט קאָנען זען די ביקסן, וואָס מען וועט אויסציען אויף זיי און איר ביידע, גדלקע און מירקע, שווייגט! זאָגט מער קיין וואָרט ניט, לאָמיר זיך צונויפרעדן, וואָס מיר וועלן טון, ווייל די מערדער וועלן דאָך אונדז ניט לאָזן, אַז מיר זאָלן גיין אין איינעם... איר זאָלט זיך נעמען אַ שבועה, אַז איר זאָלט ביי די גזלנים ניט בעטן, אַז זיי זאָלן אייך ראַטעווען. גדלקע! געדענק וואָס איך זאָג דיר: זאָלסט ניט בעטן ביי קיינעם פון די רוצחים, אַז ער זאָל אויף דיר זיין ביקס ניט אָנצילן, דו ביזט מיין זון. דו געדענקסט ניט וואָס פאַר אַ ברית עס איז ביי דיר געוועזן, מען האָט פון דעם כיבוד אויפן ברית געקענט מאַכן פינף חתונות... אָבער איצטער ביזטו דאָך נישט קיין קינד וואָס מען האָט מלה געוועזן, נעם איינעם פון די גזלנים און שליידער אים אויף דער ערד, און פאַרגעס ניט צונעמען ביי אים זיין ביקס, אויב דו וועסט ניט פאַרלירן דיין קאָפּ בשעת דו וועסט אים אויף דער ערד שליידערן, וואָלט געווען גאַנץ ווויל, ווען דו גראָבסט פאַר אים אַ קבר. נאָר מאַכן קברים פאַר די אַלע גזלנים איז אוממעגלעך. זאָל אַריינגיין ברכהקע מיט אירע מיידעלעך. איך וויל אַז זי זאָל ניט בעטן ביי זיי קיין חסד... אויב דער אייבערשטער קאָן דערלאָזן, אַז ס'זאָל זיך גיסן אַזוי פיל בלוט, זענען מיינע ווערטער, כאָטש זיי זיינען

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# די אַספּיראַציעס פון דער מומע רייצע...

די מומע רייצע האָט פאַרמאָגט איר אייגנס אַ טאָכטער. אַנדערע האָבן אויך געהאַט טעכטער, נאָר מיט דער מומע רייצעס טעכטער קען מען זיי ניט פאַרגלייכן. אַז מען וויל - האָט זיך דער מומע רייצעס טאָכטער מיט גאָרניט אונטערשיידט פון די אַנדערע מיידלעך ביי אונדז אין גאַס. זי האָט חלילה ניט געהאַט קיין צוועלף פינגער אויף די הענט, אָדער דריי בריסט. אָדער ווער ווייס וואָס פאַראַ אויסנאַם זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. ווען איך דאַרף עדות זאָגן, וואָלט אויסגעקומען, אַז ריקלע איז אַ מיידל מיט אַ קאַרפּאַטן נעזל וואָס איז תמיד געווען אַביסל צוגעברוינט פון דער זון; שעלמישע צוויי אויגן, וואָס האָבן פאַרשעריש נאָכגעקוקט אַלץ, דעריקערשט זאַכן וואָס מען דאַרף ניט, און ווו מען האָט זיך גאַנץ גוט געקאָנט באַגיין אָן איר. אין די צוויי קורצע צעפּלעך האָט זי איינגעפלאָכן סטענגעס, יעדעס מאָל פון אַן אַנדער קאָליר, און דעריבער האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט זיי אַנדערש געפלאָכטן. אַ קאָליר האָבן אירע האָר - עפּעס ווי איבערגעטריקנט שטרוי, עפּעס ווי זאַמד קאָליר. און אין אַלגעמיין האָט מען בכלל ניט געקאָנט אויף געוויס זאָגן וועגן זייער ריכטיקער פאַרב, ווייל ערטערווייז זענען זיי געווען טונקל. ערטערווייז האָט מען געקאָנט מערקן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם קורצן קאַרפּאַטן נעזל און די שטרויענע האָר און דעם שעלמישן קוק פון אירע אויגן. מען קאָן זאָגן מיט אַ רויק געוויסן, אַז ס'האָט ריקלען געפעלט דער יידישער חיין - וואָס דאָס האָט געקאָנט זיין אי אַ מעלה און אַ חסרון. ס'ווענדט זיך ווי מען קוקט אויף די זאַכן.

וואָלט די מומע רייצע געווען דערביי, דאַרף מען זיך מודה זיין, וואָלט מיך, ערשטנס, קיינער ניט געפרעגט קיין מבינות - קוק נאָר אָן דעם מבין פון אַ יאָר פערצן, צי אַפילו פופצן. און צווייטנס, טאַקע, ווער האָט עס זיך געקאָנט אונטערנעמען צו פאַרגלייכן דער מומע רייצעס טאָכטער מיט עמעצן, מעג עס זיין דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט - אַ נעכטיקער טאָג. לויט דער מומע רייצען איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז עס: ריקלע. בלויז ביי איר האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַזאַ טאָכטער און בלויז איר ריקלע האָט באַקומען די האָדוואַניע ווי ס'געהער צו זיין - שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ריקלע האָט אַלץ אויפגעטאָן אין די קלאַסן.

נו - און דער פעטער אהרן - קען מען פרעגן - גאָרניט? ניט זיין שכל, ניט זיין אויפטו אין ביזנעס? נאָר ווער וועט זיך איינשטעלן דאָס לעבן און פרעגן די דאָזיקע פראַגע? איך ניט. די מומע רייצע איז גרייט דעם פראַגן-שטעלער צו בלייבן אַ שונא אויפן גאַנצן לעבן. אָבער עמעצער האָט דאָך געפרעגט, דער פעטער אהרן? - פאַר דער מומע רייצע איז בכלל אַ רעטעניש און ביז גאָר אומפאַרשטענדלעך אַזאַ מין פראַגע. - וואָס הייסט דער פעטער אהרן - ווי קומט דאָ אַריין דער פעטער אהרן?

דאָס אַלץ, דאַרף מען פאַרשטיין, האָט זי געמיינט אין גייסטיקן זין. וואָרעם די מומע רייצע, ביי איר גאַנצער שטאָלצקייט און איבערצייגונג, אַז ריקלע פאַרמאָגט איר

---

אַזוי פיל, אַרויסגעוואָרפן... וויין נישט גדלקע, מירקע שווייג! קוקט אויף מיר קינדער, איך האָב קיין מורא ניט, אַפילו אַ קאָפּ שרעק איך זיך ניט. גייט אייך מיינע קינדער, און געדענקט מיינע קינדער שטילערהייט אין האַרצן, זאָלט איר זיך געזעגענען מיט גאָט און מיט זיין וועלט".

אינטעליגענץ; אירע פעיקייטן; אַז בכלל - זי און ריקלע זענען ווי צוויי טראָפּן וואַסער. זי אַליין וועט דאָך ניט גיין אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז דער פעטער אהרן איז ריקלעס טאַטע, אָבער ניט מער.

מיט וואָס אייגנטלעך איז ריקלע אַנדערש פון - לאָמיר זאָגן - לעבענזאָנס טאָכטער, וואָס וווינט אַ טיר אין אַ טיר מיט דער מומע רייצע - דאָס האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט דערגיין. אַלנפֿאַלס - ניט פון דער מומע רייצע גופא. כאָטש כ'האָב געהערט מענטשן זאָגן:

– דאָס גוטע יאָר זאָלן מיר האָבן, ווי לעבענזאָנס טאָכטער פאַרשטעקט ריקלען אין אַרבל, אי מיט איר שיינקייט און אי מיט איר אויסנעמען ביי בחורים...

אוודאי איז עס דערגאַנגען צו דער מומע רייצען. - אַליין, הייסט עס, פאַרשטייט מען שוין גאָרניט? מענטשן אידיאָטן, באמת. דאָס, וואָס ריקלע איז דער מומע רייצעס טאָכטער, פאַרענטפערט שוין אַלע צווייפלען.

ניט געקוקט אויף דעם אַלעם - האָבן מענטשן ליב געהאַט ריקלען. זי איז געווען אַ פריינדלעכע, אַ צוגעלאָזענע; אַ וואַרעמע. זי האָט ניט געבלאָזן פון זיך: אין קלוב האָט זי פאַרבראַכט מיט אַלע יינגלעך - אַבי ס'איז געווען פריילעך. אַבי זי איז געווען צווישן אירס גלייכן.

באַקאַנטע האָבן אויף ריקלען געהאַט גרויס רחמנות. - זי וועט נעבעך פאַרזיצן.

– משוגע מיינע שונאים - אַזאַ מיידל ווי ריקלע?

– אַ קלאָרע זאַך. קיין יידישע פרינצן זענען נאָך דערווייל ניטאָ, און די מומע רייצע וועט ניט "סעטלען" אויף עפּעס וויניקער...

* * *

דער פעטער אהרן האָט געהאַט גענוג צו טאָן, אויסער אַריינלאָזן זיך אין די תכלית זאַכן, וואָס אָנבאַלאַנגט זיין טאָכטער.

– די צוויי ווייבער וועלן זיך שוין אַליין אַן עצה געבן - אַזוי האָט ער געטנהעט פאַר פריינד. ניט מער: סיי ער אַליין און סיי די פריינד האָבן געוווּסט ווי גרויס דער בראָך איז, און ווי ווייניק דער פעטער אהרן האָט צו זאָגן. האָט ער זיך בעסער אָפּגעגעבן מיט זיין מעבל-פאַבריק און מיט דער פאַרנעמיקער מעבל-קראָם, וואָס האַלט זיך אין איין צעוואַקסן, טאַקע ביי דער פאַבריק. אין דעם איז געלעגן דער מומע רייצעס קאָפּ.

– אָנשטאָפּן די סוחרים - ניט געפּאַקט און ניט געמאָזל. מיר קאָנען אַליין די חכמה פון פאַרקויפן און מאַכן אַן איבעריקן דאָלער, וואָס? מיר אַרבעטן ניט גענוג שווער?

אַ גלייכע זאַך. ניט מער, דעם פעטער אהרן האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער האָט אַ זון, וואָלט ער אים אויסגעלערנט די מלאכה - ניט פון מאַכן אַ מעבל-שטיק, נאָר פון אָנפירן מיטן גאַנצן געשעפט, וואָס ער אַליין האָט אין משך פון יאָרן אויפגעבויט. אָט, פון מאַכן אַ בענקל, אָפּטאָקן פיס פאַר אַ טיש - ביז מענטשן האָב זיך פאַרשטאַנען אויף זיין טאַלאַנט. און ווער וויל עס ניט פאַרמאָגן אַן אָריגינעל שטיקל מעבל?

ריקלע איז שוין געווען אין אוניווערסיטעט. זי איז שוין געווען פאַרטאָן אין דעמאָנסטראַציעס, אין מיטינגען: אין צייכענען פּלאַקאַטן; אין מאַכן צווישנרופן; עפּעס האָט זי אין דער פרייער צייט - צווישן איין דעמאָנסטראַציע און אַ זיץ-שטרייק - פאַרט עפּעס געלערנט. ווייל אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך די מומע רייצע אויסגעפּוצט, און אויסגעפּוצט דעם פעטער אהרן אין אַ ביז גאָר לייטישן אָנצוג מיט אַ שוואַרצן בינדער - און זי אַליין איז אויך געווען אויסגעצירט אין עסיק און אין האָניק - האָבן זיי ביידע זיך

געלאָזן וועדליק דער איינלאַדונג - צום מאַנאַש אוניווערסיטעט - בייווינען, ווי אַזוי ריקלע דער מומע רייצעס ווערט אַ דאָקטאָר פילאָסאָפיע. דער פעטער אהרן האָט געטראַכט, אַז צום מעבל קאָן מען עס ניט נוצן - אָבער ער האָט ניט געלאָזן די פּאַרע פּאַרן מויל. ער איז אַפילו ניט געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ סגולה צו אַ שידוך.

די מומע רייצע האָט געשיינט, ווי אַ נאָר וואָס אויסגעשייערטער מעשענער סאַמאָוואַר. נאָר אַ פּנים האָט די מעלה וואָס עס טוט ניט פּאַראַטן, וואָס אינעווייניק טוט זיך, און אינעווייניק - ביי דער מומע רייצען האָט עס ביז גאָר ווײ געטאָן, מיט יענעם נאָגנדיקן פּאַרדרוס, פּאַרוואָס ריקלע, אויב שוין יאָ אַ דאָקטאָר - פּאַרוואָס ניט אַ מעדעצינישער דאָקטאָר?

זי האָט תּמיד געטרוימט דעם זעלבן חלום: ריקלע ווערט אַ דאָקטאָר. אין איר פּאַרליבט זיך אַ באַרימטער פּראָפעסאָר פון יענע וואָס האַקן אַן אָדער, עפענען ס'האַרץ, באַווייזן וווּנדער. אין איר פאַנטאַזיע איז דער חתונה־טיש געווען אפשר אַ מייל לאַנג. באַשטעלט איז ער געווען מיט גאָרנדיקע טאָרטן; אויף וועלכע עס האָט זיך געזילבערט צוקער "פּראָסטינג". אויבן אָן זענען געשטאַנען צוויי באַפליגלטע מלאכים - אויף די טאָרטן, הייסט עס - אַן אָנבליק פון ריקלען און איר באַשערטן.

זי האָט שוין פון פריער געוווּסט, וואָס פאַראַ חתונה זי וועט פּראַווען. זי האָט געזען אַ פילם. עס איז געווען אַ פּאַרנעמיקע חתונה פון דעם אויל־מאַגנאַטס זון מיט דעם טאַטנס סעקרעטאַרקע. דאָס איז - קאָן מען זאָגן - די איינציקע סצענע אין פילם - קעגן וועלכער איר גאַנצער מאַמישער ווּזן האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט - אַזאַ שלימזל פון אַ טאַטן? דערלאָזט אַזאַ מין זאַך? און אַז זי שוואַנגערט, איז וואָס? ווייס מען שוין ניט אין אַמעריקע ווו מען קאָן אַ קראַץ טאָן? האָט ער זיך ניט געקאָנט דערלויבן?

אַ חוץ, הייסט עס, דעם שידוך האָט אַלץ אויסגענומען ביי דער מומע רייצען. אַלץ איז געווען גוט און פיין. די סאַרווערס זענען געלאָפן מיט די געטראַנקען; מיט די פּאָלומעסקעס געבראָטענע קאַטשקעס; ווײַן האָט מען געטרונקען אַזש פון פעסער. געוויס האָט זי ניט פּאַרזען דאָס אָרט, ווו דעם חתנס מוטער זיצט. דאָס קלייד וואָס זי האָט געטראָגן, איז ווערט געווען אַ פּאַרמעגן. די מומע רייצע האָט זיך אַפילו ניט פּאַרגונען עס אָפּצושאַצן - טאָמער מאַכט זי אַ טעות... אויפן קאָפּ האָט די מאַמע געהאַט אַ מין היטעלע, אויסגעזעצט מיט פּערל...

דאָס איז דער מומע רייצען ניט געפעלן געוואָרן. זי וועט דווקא לאָזן די געסט זיי זאָלן באַוווּנדערן אירע האָר, זי וועט זיי באַשפּריצן מיט פינקלדיקע שטערן, אין וועלכע דאָס ליכט וועט זיך אָפּשפּיגלען און צעשיטן אין שטראַלן.

איין ענין האָט איר פּאַרשאַפט אַ ביסל פּאַרדרוס: ביז היינט ווייס זי נאָך ניט, וואָס פּאַראַ מין קלייד זי וועט זיך לאָזן מאַכן...

אין איר פאַנטאַזיע האָט זי געמאָסן קליידער; געטוישט פאַסאָנען. זי האָט זיך געקריגט מיט די שניידערינס אַז דאָס קלייד ברענגט אַרויס צו פיל איר פיגור, און צו ווייניק איר כאַראַקטער. און נאָך עפּעס איז געווען אַ שטערונג: זי האָט ניט געקאָנט פּאָרויסזען, ווי אַזוי דאָס קלייד וועט אויסזען אויפן פילם וועלכן מען וועט מאַכן פון דער חתונה. אַ פילם אין קאָלירן. זי וועט עס אומבאַדינגט דורכריידן מיט ציליכן, דעם פאָטאָגראַף.

זי האָט געהאָפט, אַז מיט איר נאַטור וועט זי סוף כל סוף די שווערקייטן בייקומען. אין זאַל האָט אַלץ אויסגעזען יום־טובדיק, די גראַדואַנטן, די עלטערן. שוואַרצע

אַקאַדעמישע פּעלערינעס. די פיר־עקיקע היטעלעך. די מומע רייצע האָט זיך אַוועקגעזעצט באַקוועם. ווען מען האָט אויסגעלייענט דעם נאָמען פון איר טאָכטער, האָט אַ טרער אַ פינקל געטאָן אין אירע אויגן... ריקלע... נאָך ערשט אַ קינד געווען - און שוין - צוויי און צוואַנציק יאָר.

עס איז שווער געווען שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זי אַליין איז שוין וואָסערע פינף און צוואַנציק יאָר נאָך דער חתונה...

קיין פילם האָט קיינער ניט געהאַט אין זינען צו מאַכן. אַפילו קיין חופה־קלייד האָט מען ניט געקאָנט באַקומען אין ערשטן יאָר נאָך דער מלחמה. מען האָט זיך באַנוגנט מיט אַ מנין יידן און אַ פשוט פלעשל "סאַמאָגאָן", וואָס האָט אין יענע צייטן אויך געקאָסט אַ פאַרמעגן.

בכלל - ווי קומט זי צום פעטער אהרן? ער - ערגעץ פון דער ליטע, איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון די וועלדער. ערשט אָנגעהויבן צו פאַרלייגן אַ סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו. איר האָט אַן עשעלאָן אַראָפּגעבראַכט פון טיף רוסלאַנד, אין דער גרויסער שטאָט, וווּ זי האָט געהאָפט צו געפינען איר משפחה, האָט זי זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ קיילעכדיקע יתומה. דער פעטער אהרן האָט געהאַט מער מזל. געבליבן זענען מיט אים אין וואַלד אַ ברודער און אַ שוועסטער. זענען זיי אַלע געוואָרן איין משפחה.

האָט דאַן געקאָנט זיין אַ רייד וועגן אַ חתונה מיט אַ פאַרנעם? זי האָט איצט געוואָלט אָפּכאַפּן. ריקלעס חתונה וועט שוין אין איינוועגס זיין אויך אירע - אַפילו דאַן - וועט קיינער דערפון ניט וויסן. בלויז זי אַליין וועט עס פילן. זי האָט געפיבערט פון דערוואַרטונג, ווי אַן אמתדיק כלה־מיידל דאַרף פיבערן. כאָטש אַליין דערמאָנט זי זיך גאָרניט צי זי האָט יאָ, אָדער ניט... עס וועלן זיין צוויי כלות - אוןביידע וועלן פיבערן איבער עפּעס אַנדערש...

מען האָט געדריקט הענט. דער פּראָפעסאָר האָט גראַטולירט מר. אהרנסאָן פאַר דער גערעכטער טאָכטער, און צו מרס. אהרנסאָן האָט ער געטאָן אַ לייכטן שמייכל, וועדליק דער מנהג פון דער מדינה, ווו מען איז ניט מחויב צו געבן דער פרוי אַ האַנט, און מ'קאָן אָפּקומען מיט אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ.

דער מומע רייצע איז עס פאַרשטענדלעך ניט געווען צום האַרצן, וואָרעם אַלע ווייסן דאָך, אַז ריקלע איז איר טאָכטער. אָבער איינרייסן מיט אַ פּראָפעסאָר איז ניט געווען איר דרך. פאַר אַ פּראָפעסאָר דאַרף מען האָבן דרך ארץ, און ער קאָן דאָך ניט וויסן - ווער איז ווער אין דער משפחה אהרנסאָן. דאָס איז ניט זיין שולד. זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו לאָזן אים וויסן.

ריקלע האָט זיך געקושט מיט דער מאַמען, און דער מומע רייצען איז אויסגעקומען, אַז דאָס קושט מען זיך שוין נאָך דער חופה. אַז אָט באַלד וועט ציליך אָנהייבן דרייען דעם פילם פון דער מומע רייצען ווי זי פירט ריקלען פון דער חופה, ווי זי ווייזט איר, ווי אַזוי צו צעשניידן דעם חתונה קוכן פון די פיר שטאָקן. די מזל טובן הילכן אין אירע אויערן צוזאַמען מיט דער מוזיק פון אָרקעסטער... דער פעטער אהרן האָט געפירט דעם "וואָלוואָ" וועלכן ער האָט צו דער געלעגנהייט געלאָזט אויסרייניקן פון די פעקלעך צייכענונגען, פרייז־קוראַנטן, האָלץ־מוסטערן און אַנדערע ביזנעס קליייניקייטן וואָס האָבן זיך דורך יאָרן אָנגעזאַמלט.

מיר האָבן שוין אויף זיי געוואַרט אין רעסטאָראַן, כדי צו באַגריסן דעם דאָקטאָר וואָס

איז נאָר וואָס אַרויס פון נאָדל.

דאָ, זעט איר, וואָלט איך זיך שוין יאָ איינגעשטעלט עדות צו זאָגן, אַז די מומע רייצע האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם טאַראַראַם, פון דעם פיינעם כינעזישן עסן, און אויב עמעצער האָט דעם גאַנצן אָוונט ניט אויפגעהערט צו ריידן - איז עס געווען די מומע רייצע. אגב זי אַליין האָט זיך דערצו מודה געווען...

דער פעטער אהרן האָט געטאָן ס'זייניקע: ער האָט געגאָסן ווײַן אין די גלעזלעך און געהאַלטן אין איין מבינות זאָגן אויפן געשמאַק.

דער חיות איז דער מומע רייצען אויסגעגאַנגען - עמעצער זאָל איר אָנוויטשן, אַז זי זאָל מיט מזל פירן ריקלען צו דער חופה. נאָר די גאַנצע משפחה האָט עפּעס אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער, ווי זיי וואָלטן גאָר פאַרגעסן, אַז דאָס איז ריקלעס שמחה - און וועגן אָט דער קיצלדיקער פראַגע געמאַכט דעם גרויסן שווייג. מען האָט זיך איבערגעקוקט - און מען האָט געשוויגן. אין אַן אַנדער צייט וואָלט די מומע רייצע דעם פעטער אהרנס משפחה צעגומען אויף פּיצלעך, פאַר אַזאַ מין פאַרשווערונג, פונקס ווי מען פאַרגינט איר ניט. זי האָט ניט פאַרטראָגן, אַז מ'דאַרף מענטשן ציען ביי דער צונג. מ'דאַרף זיי אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל. וואָסי - אַליין קיין שכל האָט מען ניט? רייד מיט זיי - גאַנצע חכמים - נאָר אַז עס קומט צו תכלית זאַכן, מאַכט מען זיך געפּגרט...

די מומע רייצע איז געווען צופיל פאַרטאָן אין דער שמחה, זי האָט זיך געטאָן אַ שטעל אַוועק נעבן ריקלען, פאַרריסן דעם קאָפּ, און זיך געלאָזן אָפּפאָרטרעטלען מיט אַזאַ מינע, ווי זי - און ניט ריקלע - האָט נאָר וואָס באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם.

ווו איז דאָן געווען דער פעטער אהרן? ער האָט געטרונקען אַ לחיים מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, געשמועסט וועגן געהילץ, וועגן אימפּאָרטירן אַ געוויסן סאָרט שוואַרצן דעמב, וואָס מ'קריגט שוין באַלד ניט; וועגן פּאַכלייט, וואָס ווערן ווייניקער. ער האָט זיך ניט געשטופּט. ער האָט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. די מומע רייצע, ביי איר גאַנצער קלוגשאַפט האָט גאָר פאַרזען, אַז ס'פּאַסט, אַז דער פעטער אהרן זאָל אויך זיין אויף דעם פּאָרטערט פון דער גראַדואירונג. אַז זי האָט זיך געכאַפּט - איז שוין געווען נאָך עלעמען. דער פעטער אהרן האָט שוין געהאַלטן ביים וועך־ווייס־וויפלטן גלעזל ווײַן, און דעם פאָטאָגראַף האָט מען געריסן פון אַלע זייטן.

דער פּאָרטרעט פון יענער געשעעניש איז געשטאַנען ביי דער מומע רייצען אויף אַ בכבודיק אָרט. ניט באַמערקן אים, איז געווען אומגעלעך. ער האָט געקוקט אויף אייך פון אַלע זייטן, און איר האָט געהאַט דאָס געפיל. אַז די מומע רייצע האַלט אַן אויג אויף אייך.

האָט דער פעטער אהרן באַמערקט דעם פאַרזען - זיין פעלן אויפן פּאָרטרעט? מעגלעך יאָ און מעגלעך ניט. קיין גרויסן צימעס דערפון האָט ער אַלנפאַלס ניט געמאַכט. שוין אָפּגערעדט - פון באַקלאָגן זיך. פאַרשטייט זיך - גלייכגילטיק פאַרבייגיין דעם פּאָרטרעט און סתם גאָרניט זאָגן, איז ווי מען וואָלט דורכגעגאַנגען אַ ברענענדיקן רינג - און זיך ניט פאַרסמאַליעט - איז אַזאַ זאַך מעגלעך?

- דער מומע רייצע - האָט עמעצער באַמערקט - פּאַסט, אַז זי אַליין זאָל זיין אַ סטודענטקע...

- פאַרוואָס טאַקע ניט? - איז מען מיט יענעם מסכים געווען.

- זי קאָן פאַרשטעקן די סטודענטקעס אין וועסט קעשענע מיט איר שכל, מיט איר אינטעליגענץ...

אין דער מומע רייצעס פנים, האָב איך געקאָנט זען, שפּילן די קאָלירן ווי אַ רעגנבויגן. זי נעמט אָטעמען אַביסל האַסטיקער, אַביסל טיפער. אירע אויגן טוען אַ גלי מיטן פייער פון צעגליטע קוילן. מ'קאָן פילן דעם ברי...

ווען עמעצער האָט ביי אונדז אין שטוב נאָכער דערמאָנט די מומע רייצע, האָט ווי אַן עכאָ אָפּגעקלונגען: "האַו דו יו ספּעל איט"...

עפּעס איז "האַו דו יו ספּעל איט" געוואָרן ווי אַ צווייטע נאַטור ביי דער מומע רייצע. גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס צוליב ריקלעס גראַדואירונג איז די מומע רייצע אַריין אין די ביכלעך; גראַמאַטיקעס; שעקספּירן - און ווען נאָר ריקלע איז געווען אינדערהיים, האָט מען ניט געהערט עפּעס אַנדערש, ווי - האַו דו יו ספּעל איט?

אַלע סימנים, קאָן מען זאָגן, האָבן באַוויזן, אַז די מומע רייצע קלייבט זיך אָפּצוטאָן דער וועלט אַ קאַטאָוועס, און ווערן אַ סטודענטקע.

ביים פּעטער אהרן איז זי איבערנאַכט געוואָרן אַ פּראָפעסאָר - אַזוי האָט ער טאַקע גערעדט צו מענטשן - זייט וויסן, מיין ווייב דער פּראָפעסאָר...

עס איז טאַקע מעגלעך, אַז די מומע רייצע וואָלט דער וועלט אויף צולהכעיס געוואָרן אַ פּראָפעסאָר. נאָר אַז ריקלע האָט פאַרלוירן דאָס געדולד צו דערקלערן דער מאַמען: האַו דו יו ספּעל איט - האָט זי איר, אויף קאַטאָוועס, אַ פרעג געטאָן:

- צו וואָס דאַרפסטו דעם אוניווערסיטעט מאַמע, זוכסט דען אַ חתן?

ביי דער מומע רייצע - דאַרף מען וויסן - זענען ניטאָ קיין פראַגן, אויף וועלכע זי זאָל ניט קאָנען ענטפערן:

- איך וויל טאַקע זען, פאַרוואָס מיין טאָכטער האָט עפּעס ניט געקאָנט געפינען אַ לייטישן בחור, צווישן אַזוי פיל פיינע סטודענטן...

- דיין טאָכטער - מאַכט ריקלע - דאַרף ניט קיין חתן - זי האָט שוין...

אָט דאָ איז די מומע געבליבן אָן לשון. שטום ווי די וואַנט. הינטער אירע פּלייצעס און און אָן איר וויסן. שוין. אָפּגעטאָן. הפקר מיטאַמאָל.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען דאָס ערגסטע. ווען ריקלע האָט אַהיים געבראַכט דעם בחור, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נשקשה - אַ פיינער בחור. ניט מער: ער איז אַמאָל געווען אַ סטודענט און היינט איז ער אַ טעקסי־דרייווער.

אַזוי האָט אים ריקלע פאָרגעשטעלט. און פאַר זיך אַליין, האָט דער בחור געענטפערט: - ניין. זיין טאַטע פאַרמאָגט ניט קיין פאַבריקן און ניט קיין געשעפטן. ער איז אַ גוט־פּיטער... אפשר וואָלט די מומע רייצע עס פאַרגעבן, נאָר געזאָגט האָט ער עס אין אַזאַ טאָן. פון וועלכן מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ער גיט ראָטשילדן אַ גמילת־חסד...

די ריכטיקע חתונה האָט זיך אָנגעהויבן, ווען ריקלע האָט איינגעפּאַקט אירע קליידער און זיך אַרויסגעצויגן פון דער היים.

- אָן אַ חופּה. סתם אַזוי? ווי וועט דיין טאַטע אויסזען ביי מענטשן? אויסגעהאָדעוועט אַ טאָכטער, געגעבן איר פון שענסטן און פון בעסטן - צוליב ווען האָט דיין טאַטע אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן, אויב ניט צוליב דיר?

כאָטש די משפחה איז געווען דעם פעטער אהרנס, האָבן זיי דאָך געהאַט גרויס רחמנות אויף דער מומע רייצע. זי איז עפּעס גאָר אַראָפּ פון דער מראה; עפּעס קלענער געוואָרן. איר אויסטעהענען זיך איז שוין ניט געווען דאָס אייגענע, ווי אַמאָל. זי כאַפּט

(סוף אויף זייט 40) ←

א. מ. קליין*

## די שיף פון יפו

די שיף שווימט אָפּ פון יפו, אוצרות אין איר לאָדונג:
פייגן, קריינדלעך זיסקייט, האָניק־זיסע טייטלען,
ציטרינען ווי שמעקעדיקע שעלעכלעך, איינגעקעסטלט,
פּאַרפּאַקטע מאַראַנצן, ריחותדיקע קיילעכן פון גאָלד;
טרויבן־הענגלעך, ווײַן־פלעשער, שטויביק־אַלטע;
זיסע מאַנדלען, איידל־מאַכלדיקע;
אָפּענע בלוט־רויטע קעפּ פון מילגרוימען;
אַלץ גלאַטיק און פריש, אָן אַ שפור פון שימל.
און ספרי־תורה געכתיבהט פון אַ סופר, שוין אויפן עולם־האמת,
און טליתים געוועבט אויף מזרחדיקע וועבשטולן,
און לולבים געשיקט פאַר די ניט־געטרייסטע,
און לייכטער צו פאַרטרייבן דעם שבת־אומעט,
און זעקעלעך מיט הייליקער ערד אויסצושפּרייטן
אונטער אַ פרומען קאָפּ אין אַ וויטן קבר.

## ביי די טייכן פון בבל

ביי די טייכן פון בבל, דאָרט זיינען מיר געזעסן און געוויינט
ווען מיר האָבן דערמאָנט ציון,
אָ, ס׳זיינען פאַראַן פיל, וואָס האָבן פאַרנומען אונדזערע טרערן!
דאָס זאַמד פונעם נילוס איז נאָך אַלץ פעט
פון די צאַרט־קליינע ביינער פון אונדזערע בכורים,
און דער פרת איז נאָך געל ווי אונדזער שאַנד־צייכן.
זאָל מען פאַרגעסן די בערן און די יידן אין בערן־פעלן,
וואָס האָבן געטאַנצט ביי די ברעגן פון רציחותדיקער ווייסל?
פאַרגעסן די קרישטאָלענע שטראָמען ביי די שלעסער פון שפּאַניע,
וואָס אַזוי פיל פייערן האָבן ניט באַוויזן צו דערברענען ביזן זאַלץ?
פאַרגעסן דעם רהיין? אָ, די רהיינישע וויינען זיינען שאַרף,
דאָס איידעלע זאַלץ פון בלוט מאַכט זיי שאַרף

זאַמל צונויף זיי, אָ גאָט, די אַלע טייכן
און טרוקן זיי אויס אין פייער פון דיין צאָרן!
זאָלן זיי ניט ווערן דערמאָנט! זאָלן זיי ווערן
פיל גיך־פאַרגעסענע וואָלקנס, וואָס טריפן רעגן
אויף די גינציקע וואַסערן פון ירדן.

---

* א.מ. קליין (1972–1909) איז געווען איינער פון די באַטייַנדיקסטע קאַנאַדער פּאָעטן. ביי זיין גאַנצער מייסטערשאַפט אין ענגליש איז ער טיף און תוכיק יידיש. ער האָט געלעבט און געשאַפן אין מאָנטרעאָל און געווען באַפריינדט מיט מלך ראַוויטש, י.י. סיגאַל און אַנדערע יידיש־שאַפערס. איז אוודאי כדאי אים באַקאַנט צו מאַכן צו די יידיש־לייענער.

די איבערזעצונג: **ש. סימכאָוויטש**

## גענעאַלאָגיע

ניט אַליין בין איך געבוירן, נאָר אַ פולער בראשית
פאַר די אבות, וואָס האָבן מיך געפּאַטערט.
דער גוף מיינער איז אַ ווינאַרט. קערפּערלעך
זיי ווינען אין מיינע אָדערן, זיי אונטערהערן מיין אויער,
זיי קרייזן ווי מיט תורהס אַרום מיין שאַרבן,
אַריין און אַרויס, זיי עפענען טאָג־טעגלעך
די רוקבריטעלעך פון מיין האַרץ, נידערן און שטייגן
און ס׳קוקן דורות דורך מיינע אויגן.

## חתונה ברכות

אָ, חתן להוט נאָך דער כלה,
אָ, ווייס־געשלייערטע כלה,
זאָל ליבשאַפט רוען אויף אייער קישן,
די שטילע טערקלטויב זאָל זיין אויבנאָן
פון אייערע זיסע באַגלייטער, טאָג און נאַכט.
זאָלן די חשים זיין ברווחדיקע; איר זאָלט זיך וואַרעמען
אין דער זון, זיך ליבן אין לבנה־נעכט.
זאָל ברויט קיין מאָל ניט פעלן אויף אייער טיש,
און וויין פון דער קאַראַפין,
און וואַרעמקייט פון אייער בעט.
זאָלן מאַנדלען בליען אויף אייער בוים
און די טרויבן וואַקסן פול מיט זאַפט
און אין שלמותדיקע פאָרעם.
זאָלן נייַן חדשים זיך אויסשפרייטן, ווערן גרעסער - -
און זיך באַווייזן זאָל דער בכור.

---

(סוף פון זייט 38)

זיך אָן אין דעם פעטער אהרן ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי...

מען קאָן זאָגן: ריקלע איז געווען אַ קאַלטער גזלן:

- דערווייל מאַמע, וועלן מיר ווינען אַזוי. מחמת איזיס ווייב וויל אים נאָך קיין גט ניט געבן, אָבער זיינע צוויי מיידעלעך בלייבן מיט אונדז, און איך אַליין...

דער פעטער אהרן האָט זיך אַרומגעזען, אַז אויב ער טוט ניט עפּעס איז אויס מיט דער מומע רייצע. געוויס האָט ער געוווּסט דעם זאָג: אַז וואָס די אויגן זעען ניט - טוט ס׳האַרץ ניט וויי, אָבער ווי מאַכט מען פון אַ ווערטל אַ תכלית?

איך האָב שוין דאַן געאַרבעט ביים פעטער אהרן און מ׳האָט זיך געקאָנט אויף מיר פאַרלאָזן - אַזוי האָבן מענטשן געעצהט דעם פעטער אהרן. ער אַליין האָט אויך געזען, אַז ס׳איז פון מיר אַרויסגעקומען אַ לייטישער בעל־מלאכה, נאָר אויף יעדן פאַל - האָט ער אָנגעשטעלט אַ מענדעזשער, אַ געשעפטס־פירער פון דער זעלבער בראַנזשע. פאַרפאַקט די טשעמאָדאַנעס - און אַוועק קיין אויסלאַנד.

אַ ניט - איז שווער צו זאָגן, וואָס פון דער מומע רייצע וואָלט געוואָרן...

משה זאב

# העברעישע און אַראַמישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך

## א.

"אומעטיק שטייען צו מזרח געבויגן
טייבעלעך גרויע פֿאַרטרערטע,
קוקן מיט צורות - צעטומלטע אויגן
אין אותיות וואָס שטייען פֿאַרקערטע"
(רבקה באַסמאַן בן חיים "אין מאָסקעווער שול")

מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן אונדזערע חז"ל פעסטגעשטעלט, אַז "לא ככל הגויים עם ישראל", אַז ניט ווי אַלע אַנדערע פעלקער איז דאָס יידישע פֿאָלק. דער דאָזיקער כלל באַציט זיך לגבי אַלע אייגנשאַפטן פון דעם יידישן סאָציאַלן לעבן און באַזונדערס צום שטח פון דער יידישער שפּראַך. דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד באַשטייט קודם־כל אין דעם, וואָס ס'איז ניטאָ קיין צווייט פֿאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט במשך פון זיין היסטאָריע געמוזט זיך נוצן מיט אַ שלל שפּראַכן - מיט דער. מיט וועלכער דאָס פֿאָלק איז געבוירן געוואָרן - מיט דער אָבות־שפּראַך - און מיט די שפּראַכן פון זיין אַרום, וועלכע דאָס יידיש פֿאָלק האָט אויפגענומען אין זיין צוויי־טויזנט־יאָריקער צעשפּרייטקייט. וויפל לענדער - אַזויפיל שפּראַכן.

←

---

אַנאַ פרייליך*

# אין מדבר

ס'איז גאָרנישט
נישטאָ אינעם מדבר
אַפילו קיין שטויבעלע זאַמד נישט
בלויז פֿאַרקריצטע ווינטשפּורן פון אַן עפּאָכע

ס'איז גאָרנישט נישטאָ אינעם מדבר -
בלויז דער ווייטיק פון די נביאים
קלעטערט פֿאַרומערט און הינקענדיק
איבער די פעלדזן.

ס'איז גאָרנישט נישטאָ אינעם מדבר -
בלויז בעדווינער
פּיטערן שוואַרצע ציגן
אין די פֿאַרטריקנטע טייך־קאָריטעס.

איבערגעזעצט פון פּויליש -
מיכאל זאַיאָנץ

*) די דיכטערין אַנאַ פרייליך (געב. 1942) איז פּראָפעסאָר פון פּוילישער שפּראַך און ליטעראַטור אין קאָלומביע אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק.

אָבער דאָס איז ניט געווען אונדזער עכטע צווייִשפּראַכיקייט. די געבאָרגטע ווערטער פון פאַרשידענע שפּראַכן זענען שטענדיק געווען פרעמד. זיי האָבן קיינמאָל ניט געטראָגן קיין יידישן נאָמען. זיי זענען ניט געווען דער אויסדרוק פון דער יידישער פאָלקס־נשמה, יידן האָבן גערעדט אויף זיי, אָבער ניט געשאַפן אין זיי פאַר זיך אַליין, פאַר די ברייטע יידישע מאַסן און - צוליב זיי. למשל, אין אַראַביש זענען געשאַפן געוואָרן יידישע וויסנשאַפט־ווערק. אָבער דאָס זענען געווען ווערק פון געלערנטע פאַר געלערנטע, און מעגלעך אויך פאַר ניט־יידן. שלמה גבירול׳ס פילאָזאָפישע ווערק זענען אַ לאַנגע צייט געהאַלטן געוואָרן פאַר די ווערק פון אַראַבער, זיי האָבן געמוזט ווערן איבערגעזעצט אויף העברעיש, כדי זיי זאָלן ווערן יידישע ווערק.

אונדזער צווייִשפּראַכיקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פון דער יידישער פאָלקס־היסטאָריע באַשטייט פון צוויי שפּראַכן, וואָס זענען אונדזערס אַליין, אין וועלכער מיר טיילן זיך מיט קיינעם ניט. אַלץ וואָס ווערט אין איר געשאַפן, געהערט נאָר אונדז אַליין, און איז געשאַפן געוואָרן פון אונדז און פאַר אונדז, ווייל זיי אַליין זענען דאָס מיטל, מיט וועלכן די יידישע פאָלקס־נשמה דריקט זיך אויס צומבעסטן.

די העברעיִשע שפּראַך, מיט וועלכער דאָס יידישע פאָלק איז געבוירן געוואָרן, האָט לאַנגע יאָרן געפירט אַ פּרימיטיווע, אָדער אַ האַלב־פּרימיטיווע עקזיסטענץ. אָבער ווען זי איז אויפגעקומען אויף דער אַרענע פון דער געשיכטע, איז זי שוין געווען די שפּראַך פון באַציונגען צווישן מענטש און גאָט, די שפּראַך, וואָס אין איר זענען געגעבן געוואָרן די יסודות פון מענטשלעכער מאָראַל (די עשרת הדברות), און וואָס האָט שוין אין יענע צייט באַוויזן צו שאַפן איינע פון די גרעסטע קולטורן פון דער מענטשהייט. העברעיש איז תמיד געווען די שפּראַך פון רעליגיע, די "הייליקע שפּראַך" (לשון קודש) און איינצייטיק די שפּראַך פון קולטור־שאַפונג פון יידישן פאָלק.

עס איז אָבער וויכטיק צוצוגעבן, אַז די העברעיִשע שפּראַך האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך ווערטער פון אירע שכנים־פעלקער, באַזונדערס פון די, וועמענס שפּראַך (ווי זיי אַליין) איז געווען זייער נאָענט.

ווען אַראַמיש, די שפּראַך פון אַ קליינעם, אומבאַדייטיקן, באַזיגטן און פאַרשווונדענעם פאָלק ווערט אויף אַן אומבאַגרייפלעכן אופן די אומגאַנגשפּראַך פון דער אַשורישער אימפּעריע, הייבט זי אָן אַריינדרינגען אין דער העברעיִשער שפּראַך. פון דעם יידישן מויל דרינגט זי אַריין אַפילו אין דער "הייליקער" ליטעראַטור פון פאָלק, ווערט אַריינגענומען אין תנ״ך. צוערשט פאַרבלאָנדזשעט אַ צופעליקער פסוק אין ירמיהו, דערנאָך - גאַנצע קאַפּיטלעך ביי עזרא און נחמיה און נאָך מער אין דניאל. דער מחבר פון נחמיה און דניאל רעדן און שרייבן אויף העברעיש, אָבער זיי פילן זיך היימיש אין אַראַמיש. אויך משנה און דער תלמוד בבלי איז געשריבן געוואָרן אין אַראַמיש, אַזוי אַרום איז אַראַמיש אַריין און זיך פאַרפעסטיקט אין דער שפּראַך פון יידישן שאַפן.

ס׳איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז די פורישטן, די אָנהענגער פון לשון קודש אין ישראל און דערנאָך אין בבל האָבן עס ניט געוואָלט ליידן. רבי יוסי דער זון פון רבי עקיבא און זיינע אָנהענגער האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם נוצן זיך מיט אַראַמישע ווערטער אין די תפילות, "ווייל די מלאכים, וואָס נעמען איבער די תפילות און שטעלן זיי צו צו גאָט, פאַרשטייען נישט קיין אַראַמיש". אָבער די קעגנער פון אַראַמיש האָבן גאָרניט אויסגעפירט. דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגענומען זיך פאַר די אַראַמישע ווערטער אין

דער העברעישער שפּראַך ווי פֿאַר אַן עלנטער יתומה, און האָט באַצויגן זיך צו איר מיט פֿאַרערונג. אַראַמיש איז שוין דורות לאַנג פֿאַרשוווּנדן פֿון מויל, דאָס פֿאָלק האָט אויפֿגעהערט צו ריידן אויף איר, אָבער אירע ווערטער זענען צוגלייך מיט העברעיִש (לשון־קודש) אַריין אין דעם יידישן שאַפֿן. אַ ריי געזאַנגען ("אקדמות מלין ושריות שותא"), תפילות ("רזא דשבת", בריך שמה מרא דעלמה", יקום פורקן מן שמיא", "פטום הקטורת" א.אַ.) און באַזונדערס, דער קדיש, זענען פֿאַרפֿאַסט נאָר אין אַראַמיש. ווי ליב האָט געמוזט זיין דאָס אַראַמישע לשון דעם יידישן פֿאָלק, אַז אין אים האָט עס אויסגעגאָסן זיין האַרץ און טרויער נאָך זיינע טויטע. ס'איז אָבער וויכטיק צו געדענקען, אַז דער קדיש איז אַ סך מער ווי אַ געבעט פֿאַר די טויטע. אין קדיש איז ניטאָ קיין איין וואָרט וועגן טויט און וועגן דער נשמה פֿון דעם מת. פֿאַרקערט! ער איז אַ פֿאַרהערלעכונג פֿון לעבן ("בחייכון וביומיכון ובחיי דכל בית ישראל"), פֿון גיכער גאולה ("בעגלא ובזמן קריב"), און דער עיקר - פֿאַר שלום אין דער גאַנצער וועלט און באַזונדערס פֿאַר אונדז, און פֿאַר (און אויך צווישן) דעם יידישן פֿאָלק. און ווען עס שטאַרבט אַ ייד, און ווערן אויסגעשאָכטן גאַנצע קהילות, קומען די לעבנגעבליבענע, וועלכע באַמערקן אַפֿילו ניט, אַז דער קדיש איז אין אַראַמיש, און מיט דעם קדיש־זאָגן דערקלערן זיי, אַז דאָס פֿאָלק לעבט, וועט לעבן און ניט אונטערגיין.

דאָס, וואָס איז געשען צו אַראַמיש, וואָס העברעיִש (לשון קודש) האָט אַדאַפּטירט און פֿאַראייגנט, איז דערנאָך געשען צו דער העברעיִשער שפּראַך גופא.

מיט טויזנט יאָר צוריק, ווען אין דער צעשפּרייטונג, באַזונדערס אין דער געגנט פֿון מיטל־דייטשלאַנד, האָבן די אָנגעקומענע יידן נאַטירלעך געמוזט זיך נוצן מיט דער דאָרטיקער שפּראַך. זיי האָבן אָבער אָנגעהויבן אַריינפֿירן אין איר ווערטער, אידיאָמען און אַפֿאָריזמען פֿון העברעיִש, (פֿון לשון קודש), און אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיי פֿאַריידישט די אָרטיקע שפּראַך אויף אַזוי פֿיל, אַז די דייטשן האָבן עס ניט געקאָנט און נישט געוואָלט דערקענען, און האָבן עס אָנגערופֿן יידיש־דייטש.

ווען די יידן זענען געצוווּנגען געוואָרן פֿאַרלאָזן דייטשלאַנד האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך זייער נייע יידיש־דייטשע שפּראַך צוזאַמען מיט די העברעיִשע ווערטער אין איר. אין די וויטערדיקע פֿאַרשיידענע גלותן, באַזונדערס אין די סלאַווישע מדינות, אויך דאָרטן האָט דער יידיש־דייטש אַבסאָרבירט נייע ווערטער פֿון לשונות, אויף וועלכע עס האָבן גערעדט און געשאַפֿן די אַבאָריגענע איינוווינער. אַזוי אַרום האָט דער יידיש־דייטש זיך פֿאַרוואַנדלט אין דעם היינטצייטיקן מאַמע־לשון, אין יידיש, וואָס האָט במשך פֿון 2-3 דורות באַשאַפֿן איינע פֿון די רייכסטע ליטעראַטורן. יידיש איז געוואָרן די שפּראַך פֿון דעם יידישן שאַפֿונגסגייסט, פֿון דעם יידישן פֿאָלק, פֿון זיין באַהעפֿטונג מיט דער יידישער אייביקייט. ווי פֿריער האָבן אַ גרויסע ראָל געשפּילט אין איר די העברעיִשע ווערטער, פּסוקים, אַפֿאָריזמען און אידיאָמען.

די העברעיִשע און אַראַמישע ווערטער אַדאַפּטירטע אין דער יידישער שפּראַך האָט מען אַרויסגענומען פֿון תנך, פֿון דער תלמודישער און נאָך־תלמודישער ליטעראַטור. אין די שטעט, שטעטלעך און אַפֿילו אין די דערפֿער פֿון פּוילן, אוקראַינע, אין רוסלאַנד, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער איז דאָס לערנען פֿון תנ"ך, משנה און גמרא געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט. יעדעס קינד און יעדער בחור האָט זיך געלערנט אין חדר און געהאַט זיין מלמד. די תלמידים האָבן פֿאַרבראַכט גאַנצע טעג במשך פֿון אַ סך יאָרן אין לערנען, וואָס האָט זיך גערעכנט פֿאַרן העכסטן ציל פֿון

מענטשלעכן לעבן.

ס'איז געווען אַ פּשוט אינסטינקטיווע קלוגשאַפט פון אונדזערע אַלטע מלמדים און רביס וואָס זיי האָבן געלערנט מיט די קינדער ספרי קודש אַזוי ווי זיי האָבן דאָס געטאָן. די תלמידים זענען געזעסן און דער מלמד (רבי) האָט פאַרטייטשט דעם טעקסט וואָרט ביי וואָרט: "וידבר" - און האָט גערעדט, "אלוקים" - גאָט, "אל משה" - צו משה'ן, "לאמור" - אַזוי צו זאָגן. ס'איז קיינעם פון די מלמדים ניט איינגעפאַלן צו באַניצן ביים לערנען מיט די קינדער דעם עברי טייטש, וועלכער איז געווען געדרוקט אין אַ סך אויפלאַגעס פון חומש. דער רבי האָט זיך קיין מאָל נישט דערווייטערט פון טעקסט מער, ווי אויף אַ מהלך פון איין וואָרט. די העברעישע ווערטער זענען נייטיק געווען ניט בכדי צו דערלערנען די לשון־קודש שפּראַך. דאָס פאַרטייטשן די העברעישע ווערטער איז נייטיק געווען בכדי דאָס קינד זאָל פאַרשטיין דעם אינהאַלט פונעם טעקסט און אַזוי אַרום באַרייכערן מיט לשון־קודשדיקע ווערטער די טאָג־טעגלעכע יידישע שפּראַך, דאָס מאַמע־לשון.

איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו דער קלאַסיפיקאַציע פון די העברעישע ווערטער - צו די אָנווייזונגען אין וועלכע געביטן זענען די העברעישע ווערטער צום מיינסטן פאַרגעשטעלט - מוזן מיר זיך פאַרהאַלטן און באַהאַנדלען איין אַספּעקט, וועלכער ווערט דיסקוטירט אין דער פּראָבלעם, וואָס מיר שטעלן דאָ פאַר. עס גייט די רייד ווי אַזוי דאַרף מען פאָרמולירן די טעמע: - "העברעישע און אַראַמישע ווערטער", אָדער "העברעיש - (לשון קודש)־שטאַמענדיקע" ווערטער אין דער יידישער שפּראַך?

דער באַוווסטער און פּראָמינענטער לינגוויסט, ד"ר און פּראָפעסאָר מרדכי שעכטער האַלט, אַז אַלע לשון־קודשדיקע ווערטער, וואָס זענען אַריין אין דער יידישער שפּראַך, זענען פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט אַזוי פאַרענדערט און פאַריידישט געוואָרן, אַז מען קאָן זיי דערקענען נאָר לויט זייער שורש. דערפאַר דאַרף מען זיי אָנרופן "העברעיש - און אַראַמיש־שטאַמענדיקע".

לויט אונדזער מיינונג איז ד"ר מרדכי שעכטער אין אַ געוויסער מאָס גערעכט. ווען מיר נוצן די ווערטער "גוט־שבת" אָדער למשל "קלאָץ־קשיא", "פּרנסה־געבער", "מצה־וואָסער", "שלימאַזאַלניצע", "בעל־הביתטע", ("באַלעבאָסטע"), מוכר ספרימניק זענען דאָס יידישע ווערטער, אויף העברעיש זאָגט מען "שבת שלום" און ניט "שבת־טוב", "בעלת־הבית און ניט "בעל־הביתטע" ("באַלעבאָסטע") און און די אַנדערע (הונדערטער און הונדערטער) האָבן בכלל ניט קיין פּינקטלעכן אַנאַלאָג אין דער העברעישער שפּראַך. אַ שלל העברעישע סובסטאַנטיוון האָט די יידישע שפּראַך איינגעקלאַמערט אין פּרעפיקסן און סופיקסן, געמאַכט פון זיי ווערבן און אַדווערבן און אויף אַזוי פיל פאַריידישט, אַז טיילמאָל איז שווער אויסצוטיילן פון זיי דעם העברעישן שורש: (באַגנבענען, לאַ־עליכמדיק, צולקחענען ,פאַרחושט, פאַרחלומט, פאַרמיאוסן, פּטרן, געשאָכטן, צופּסקענען און נאָך און נאָך).

פון דעסטוועגן, ס'רוב העברעישע און אַראַמישע ווערטער, וואָס זענען אַריין און פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך, האָבן ניט געביטן זייער פאָרעם עד־היום.

צו זיי געהערן קודם־כל די אייגננעמען פון אונדזערע אָבות־אבותינו, פון יעקבס קינדער און קינדס־קינדער; פון די אוראַלטע ביבלישע מלוכות (אדום, בבל, מצרים, לבנון, א.אַ.); שטעט (יריחו, חברון, צפת, תל־אביב, באר־שבע א.אַ.); טייכן, ימים, טאָלן

און בערג (סמבטיון, ירדן, ירקון א.אַ; ים־המלח; ים־כנרת, ים התיכון; הר־סיני, הר־נבו, הר־המוריה א.אַ; עמק יזרעאל, עמק הבכא; - נעמען פון די וועלט־זייטן: מזרח, מערב, צפון, דרום: פון די יידישע יום־טובים, ימים נוראים און טרויער־טעג: פסח, שבועות, סוכות, שמיני עצרת, ראש־השנה, יום כיפור, חנוכה, פורים, יום העצמאות, תשעה באב, יום השואה; פון תפילות: שחרית, מנחה, מעריב, מוסף, כל נדרי, נעילה; - פון באַגריסונגען און ווינטשן: מזל טוב, יישר כוח, הצלחה והברכה, ברוך הבא, ברוכים היושבים; אריכת ימים, עד מאה ועשרים, לחיים טובים ולשלום א.אַ; ווערטער, וועלכע האָבן אַ שייכות צו חכמה און שכל: מוח, שטות, הלכה חכם, חכמה, יועץ, השׂכלה, תורה בעל קורא, סופר, מגיד, מחבר און אַ שלל אַנדערע; ווערטער, וואָס האָבן אַ שייכות צו רעליגיע: אל עליון, אמן, ארון קודש, בור דאורייתא, בית מדרש, גר, גמרא־ניגון, הפטורה, מפטיר, חרם, כדת־משה־וישראל, סדור, מעות חטין, מחזור, תפילין, טלית, טריפה, א.אַ. - מאָראַל: אחריות, אמונה, בהן שלי, שקר וכזב, עבירה, צדקה, רכילות, בזיון, קנאה, כבוד אב־ואם און אַ.וו.) געזעלשאַפטלעכע באַגריפן: (אַגודה אַחת, אומה, אַחדות, עמך, בית עולם, הזכרת נשמות, הספד, מדינה, כנסת, כל ישראל חברים, כלל ענינים, מושב זקנים, ממשלה מפלה, נצחון און אַ סך אַנדערע; פאַמיליע־באַגריפן: אַלמן אַלמנה, אשת־חיל, בן־יחיד, בר־מצוה, הרי־אַת, חתן, חתונה, נדן, גט, משפחה, מחותן, עקרה, שבע ברכות, קרוב, קרובה א.אַ.אַ; אַ גרויסע צאָל יורידישע באַצייכענונגען: "בורר, בית־דין, מליץ־יושר, בילבול, בעל־חוב, עדות, חוק ולא יעבור, לית־דין־ולית־דיין, שוחד, סדום־משפט, מסור, פסק דין א.אַ.וו.); האַנדלס־באַגריפן: (מגע ומעשה, פרנסה, סחורה, עסק, קרן, רווח, הלואה, הנחה, יקרות, חצי חנם, בעל חוב, בנאמנות, חשבון, גמילת־חסד, מטבע, קרוב למקח און אַ שלל אַנדערע); אידיאָמען און גלייכווערטלעך: אַחינו בני ישראל, ארבע פנות העולם, בכל תפוצות הגולה, ברוך דיין אמת, הרגל נעשה לטבע, צער בעלי חיים, זכר צדיק לברכה, עבר זמן בטלו קרבנות, צרות־רבים חצי נחומים, לא יחרץ כלב לשונו א.אַ. אַ. און אַ סך, אַ סך אַנדערע ווערטער און באַגריפן, וועלכע ווערן גענוצט אין פאַרשיידענע געביטן. (ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אין די לעצטע נומערן פון דעם "פאָרווערטס" האָט זיך באַוויזן אַ ספּעציעלער קאָלום פאַר "לשון־קודש ווערטער פלוס")

אַזוי אַרום איז באַרעכטיקט צו רעדן נישט נאָר וועגן "לשון־קודש שטאַמיקע" נאָר אויך, און נאָך מער, וועגן "העברעישע און אַראַמישע ווערטער" אין דער יידישער שפּראַך, פאַר דער יידישער שפּראַך איז די עקספּאַנסיע פון די העברעישע ווערטער ניט געווען אַ צופעליק־אַריינדרינגען פון אַ מער אָדער ווייניקער באַגרענעצטער צאָל ווערטער און אויסדריקן, נאָר אַ מאַסן־איינפלוס פון כמעט 20% שפּראַך־עלעמענטן, די העברעיש און אַראַמישע ווערטער זענען געווען און פאַרבליבן ווי אַ היסטאָרישע דערשיינונג פון אַ נייעם עלעמענט, וועלכער האָט שטאַרק געווירקט אויף דעם אויסערלעכן אויסזע, ווי אויך אויף דעם אינערלעכן זין און "טעם" פון דער שפּראַך. און נאָך: די לשון קודשדיקע און אַראַמישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך אין וועלכער עס האָבן גערעדט די טויזנטער יידן אין דעם אַלטן ישוב פון ארץ ישראל האָבן פאַרגרינגערט דאָס געשען פונעם וווּנדער־נס - דעם ווידעראויפלעב פון דער מאָדערנער העברעישער שפּראַך, אין וועלכער עס רעדן היינט אַן־ערך 5 מיליאָן איינוווינער אין ישראל און טויזנטער יידן מחוץ לארץ.

## ב

"אותיות גייען אויס אין רויך פון קרעמאַטאָריע־קוימען"

(חוה ראָזענפאַרב "דער בוים פון לעבן)

ווי ס'איז באַוווּסט איז די גערעדטע שפּראַך אַ סך, אַ סך עלטער פון דער געשריבענער. די לעצטע קומט צום מענטשן צו ביסלעכווייז. רעדן הייבן אָן קינדער אויטאָמאַטיש, ווען זיי זענען נאָך אין די וויגן, ווען זיי מאַכן אויף דאָס מויל און רעדן מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער. און מיר נעמען דאָס אויף ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. (אַפילו פּאָפּוגייען רעדן פון זיך אַליין). שרײַבט אָבער מוז מען זיך מטריח זיין אויסלערנען, ווייל זי האָט אירע אייגענע פּסיכאָלאָגישע, גראַפישע און גראַמאַטישע געזעצן און אייגנשאַפטן, און אויך ביז גאָר אַנדערע צילן. דאָס יידישע לשון בעל־פּה איז אַלט אַזויפיל יאָרן ווי דאָס פאָלק אַליין. דער יידישער אלף־בית איז אויף טויזנט יאָר יונגער. לאַנגע יאָרן האָט געדויערט ביז די יחידי־הדור – אויסגעוויילטע סופרים, שרייבערס, שריפטשטעלער, און בריוושטעלערס – האָבן אָנגעהויבן פאַרנאָטירן געשעענישן, וויכטיקע דאָקומענטן, בריוו, כדי דאָס גערעדטע וואָרט זאָל ווערן פאַרפיקסירט אויף אַ געוויסער צייט און אויף אייביק, כדי עס זאָל קענען איבערגעגעבן ווערן צו די געהעריקע לעבעדיקע אַדרעסאַטן און לדור דורות. די כתב־שפּראַך איז געוואָרן אַ שליח־ציבור, וואָס קומט צו אונדז פון ווייטע געשיכטלעכע מקומות, פּירט מיט זיך אוצרות פון קולטור און געשיכטע, וואָס האָט געגעבן דער שפּראַך איר אייביקייט. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אַפילו אין אונדזערע טעג זענען פאַראַן עטנאָלאָגישע גרופּעס, וועלכע האָבן זייערע אייגענע שפּראַכן, וועלכע זענען איזאָלירט, און ס'איז זיי (די שפּראַכן) ביז גאָר שווער צו באַהערשן, ווייל זיי האָבן ניט קיין כתב־שפּראַך.

דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן דער עם־הספר דווקא דערפאַר, ווייל, ווי נאָר עס איז געקומען צום באַוווּסטזיין אַלס אַ ציבור, וואָס האָט זיין אייגענע מיסיע, זיין מאָראַל און עטישע ווערטן, וועלכע מוזן איבערגעגעבן ווערן פאַר די קומענדיקע דורות, האָט עס מיט גרויס התמדה און עקשנות געלערנט די כתב־שפּראַך. אין וואַנדערונגען און אין אַלע גלות־לענדער האָבן יידן מיטגענומען מיט זיך די שריפט־שפּראַך און גענוצט זיך מיט איר ביי דעם דערלערנען און אַבסאָרבירן די פרעמדע און נייע שפּראַכן. דער יידישער פאָלקלאָר באַשטעטיקט די דאָזיקע אַקסיאָמע:

"...אויף דעם פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז הייס
און דער רבי מיט די תלמידימלעך
לערנט אַלף־בית" (...)
"לערנט "קמץ אַלף אָ"...

דאָס לערנען די תינוקות של רבן די אוראַלטע קוואַדראַטפאָרמיקע יידישע שריפט־אותיות (אותיות מרובעות) האָט פאַרגרינגערט אַריינפירן, באַרייכערן און פאַראייביקן די לשון־קודש און אַראַמישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך און אין דער יידישער ליטעראַטור. די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און זייערע נאָכגייערס האָבן פאַרפעסטיקט אין זייערע ווערק ניט נאָר דעם קלאַנג פון די דאָזיקע ווערטער, נאָר אויך זייער קדמונישן אויסזע – זייער אָריגינעלן אויסלייג – און דורות־לאַנג, ביז היינט צו טאָג איז ער פאַרבליבן אין דער שרייבערדיקער האַנט פון די

שומרי יידיש אומבאַרירט. "די שרייבשריפט איז געוואָרן די טרעגערין פון אונדזער קולטור־געשיכטע און דערצו די מדינה פון יידישלאַנד" (מרים שמולעוויטש־האָפמאַן, "פאָרווערטס", פעברואַר 3, 1995)

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז עס זענען קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרוּוון ענדערן, "פֿאַרגרינגערן" די אָרטאָגראַפֿיע פון די העברעישע און אַראַמישע ווערטער. פֿאַרקערט! ניט איינמאָל אין אונדזער קולטור־געשיכטע האָבן סיי די השׂכּלה־פּירערס, סיי די אַסימיליאַטאָרן געפירט הייסע פּאָלעמישע שטרייטן קעגן דעם נוצן זיך מיט העברעישע און אַראַמישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך און באַזונדערס קעגן זייער אויסלייג. אָבער דאָס זענען געווען נאָר ווערבאַלע דיסקוסיעס - שטורעמס אין אַ גלאָז וואַסער", וועלכע פלעגן זיך פאַרענדיקן מיט שום אויף די ליפּן, אָן קיין שום פּראַקטישע קאָנסעקווענצן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

ווייטער, האָבן דעם גורל פון העברעיש באַשטימט צוויי פאַקטאָרן: די באָלשעוויקישע פּאַרטיי און די יעווסעקציע. דער קאַמף קעגן דער עקסיסטענץ פון אַ יידיש נאַציאָנאַלער קולטור, אין וועלכער שפּראַך זי זאָל ניט קומען צום אויסדרוק, אין העברעיש, צי אַפילו אין יידיש, איז שטענדיק געלעגן אין יסוד פון דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע. האָט דאָך לענין בפירוש געהאַלטן, אַז "יידישע נאַציאָנאַלע קולטור איז דער לאָזונג פון רבנים און פון דער בורזשואַזיע, דער לאָזונג פון אונדזערע שונאים... ווער עס שטעלט דירעקט אָדער אומדירעקט דעם לאָזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור - דער איז, וואָס פאַר אַ גוטע כּוונות ער זאָל ניט האָבן, אַ שונא פון פּראָלעטאַריאַט" ("לענין קעגן בונד", מינסק 1935)

נגישות, דירעקטיוון און קאַמפּן קעגן דער יידישער קולטור האָבן אָנגעהויבן אַדורכפירן די אָנפירערס פון דער "יעווסעקציע" ("די יידישע סעקציע אין דעם קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים פון רסקר"), און אָנגעהויבן האָבן זיי דאָס פון דער אויסראָטונג פון די העברעישע ווערטער און קודם־כל פון דער פאַרניכטונג פון זייער אויסלייג, פון דער אויסראָטונג פון אַ ריי אותיות - אַלע שלאָס־אותיות (ך, ם, ן, ף, ץ), אותיות וועלכע זענען ענלעך מיט זייער קלאַנג (ח, כ שׂ, ת, תּ). און אויך ראשי־תבות (למשל רמב"ם - "ראַמבאַמ", רש"י - "ראַשע")... פון די ווערטער־ביכער זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַלע גלאָסעס, וועלכע האָבן געהאַט דעם מינדסטן שייכות צו קדושה־באַגריפן, צו ציון און ציוניזם, צו גאולה און קבוץ גלויות.

פאַר אַלע יידישע צייטונגען, ליטעראַרישע זשורנאַלן און ביכער האָבן די מאַכט־אָרגאַנען דעקרעטירט דעם נייעם פאָנעטישן אויסלייג - שרייבן אַזוי ווי עס הערט זיך. פון דער דאָזיקער ניי־איינפירונג האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרפעסטיקט די פאַנטאַסמאַגאָריע פון דעם אויסלייג פון העברעישע און אַראַמישע ווערטער: "אָוועסאַווויסיינו" "אַהאַוועסוילעם", "אַכילע־אושסיע", "אייכאַ־יאַשוואַ", "בעהיימע בעצורעס אָדעם", "בעכאָצעכינעם", באַרויגעז", "פּכוירע", "דערעכערעץ", און טויזנטער, טויזנטער אַנדערע ווערטער. די שומרי יידיש האָבן מיט ווייטיק און טרויער זיך געוויצלט: "מיר לעבן אין אַ גן־עדן, ווו שאַבעס (שבת) איז מיט אַ סאַמעך (ס), עמעס (אמת) צוויי מאָל אַין (ניטאָ) און זנוס (זנות) אָן אַ סוף (ת)".

די דאָזיקע "רעפאָרם" האָבן די אָנפירער פון דער "יעווסעקציע" אַריינגעפירט אין

דער יידישער שפּראַך קלוימערשט צוליב דעם, "כּדי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל קאָנען גרינג און גיך זיך אויסלערנען יידיש". דאָס האָט געקלונגען משונהדיק, ווייל, גראָד די יידישע אָרעמקייט, דער "שער און אייזן עמך", דאָס יידישע דינסט־מיידל, דער יידישער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט (דער "בונד") זענען לאַנגע יאָרן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע געווען די אַקטיווסטע לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, און די העברעיִשע ווערטער האָבן זיי ניט געשטערט צו באַהערשן די שפּראַך, נוצן זיך מיט איר, דיסקוטירן און קעמפן פאַר גלייכע רעכט, יושר און יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע.

אין קיין שום אַנדערע שפּראַך האָט זיך אַזאַ טייוואָנישע שפּיל ניט פּאַרלאָפן, ווייל ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס סוואָלט פּאָרגעקומען אין פראַנקרייך, אָדער אין די ענגליש־רעדנדיקע לענדער, און אַפילו אין רוסלאַנד, ווען עמעצן וואָלט איינגעפאַלן אַריינפירן דעם פאָנעטישן (phonetic spelling) אויסלייג. אַנשטאָט דער אַנגענומענער אָרטאָגראַפיע אין די שפּראַכן פון די דאָזיקע לענדער. מען וואָלט אַזעלכע רעפאָרמאַטאָרן געבראַכט אין די משוגעים־הייזער.

די פאַרקריפּלונג פון די העברעיִשע און אַראַמישע ווערטער, אַריינגעפירטע פון די "קדוש־קדוש־טאַנצנדיקע" יעווסעקציע־אַנפירערס, האָט אַרויסגערופן בייז־ווונדער אַפילו ביי די חסידי־אומות פון סאָוועטישע קאָמיסאַרן פון יענער צייט. ווען אַ גרופּע אַנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע קולטור־טוערס, בראש מיט דעם רב י. מזא"ה, איז געקומען צו דעם בילדונגס־קאָמיסאַר אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקין מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער דיסקרימינאַציע פון העברעיִש, האָט לונאַטשאַרסקי זיי געענטפערט: "דער וואַנדאַליזם איז ניט אונדזערער, נאָר אייערער. אין דעם זענען שולדיק אייערע "אינעווייניקסטע צעשטערערס".

דער דאָזיקער וואַנדאַליזם פון דעם סאָוועטישן טאָטאַליטאַרישן רעזשים האָט זיך פאַרצויגן אויף 70 יאָר און זיך פאַרענדיקט מיט דעם גרויזאַמען אומקום פון די יידישע גדולי הדור, מיט דעם חורבן פון דער יידישער שפּראַך, קולטור און קונסט און לסוף מיט פייער־שייטערס פון העברעיִשע און יידישע ביכער.

דאָס פּאַראַדאָקסאַלע אין דער דאָזיקער טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס צווישן די אומגעבראַכטע יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס זענען געווען אויך די, וועלכע זענען באַגייסטערט אַנטקעגנגעגאַנגען דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און באַזונגען אירע אידעען.

אין אָנהייב 1949 האָט די סאָוועטישע רעגירונג פאַרלאָשן דאָס לעצטע יידיש ליכטל - אויף אייביק פאַרמאַכט דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער גאָסעט). און אין טעאַטער־הויף האָט זיך צעפלאַמט אַ שרפה, אַ פלאַם - ביז צום הימל אַרויף"* די ליקווידיר־קאָמיסיע האָט באַשלאָסן פאַרברענען די אוינקאַלע טעאַטער־ביבליאָטעק. די מחבלים האָבן צעצונדן אַ שייטער און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געוואָרפן אין פייער ביכער פון די יידישע קלאַסיקער, סאָוועטישע פּראָזאַיקער און דראַמאַטורגן. אין דער לופט זענען געפלויגן שוואַרצע שטיקער סאַזשע, וועלכע האָבן דערמאָנט... אין די הייליקע "אותיות פורחות".

במשך פון פיל צענדליקער יאָרן איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אויסגעוואַקסן עטלעכע דורות יידישע שרייבערס און לייענער, וועלכע האָבן זיך צוגעוווינט צון פאָנעטישן

*זע מאַריע קאָטליאַראָווע, "געראַטעוועטע ביכער", די יידישע גאַס. נומ' 6, 1995, זז' 125–126.

אויסלייג און שוין פֿאַרגעסן וויאַזוי מען שרייבט אָן און מען ברענגט אַרויס די העברעישע און אַראַמישע ווערטער. אין סאַמע אָנהייב פֿון "סאָוועטיש היימלאַנד" (1691) האָט די רעדאַקציע פֿון דעם דאָזיקן זשורנאַל אונטער דער אָנפֿירונג פֿון א. ווערגעליס ע"ה. - (וגם חרבונא זכור לטוב) - אומגעקערט אין דעם סאָוועטישן יידיש די שלאָס־אותיות און דאָס האָט זיך פֿולקאָם באַרעכטיקט. דאָך אַנדערע פֿאַרקריפּלונגען פֿון די העברעישע און אַראַמישע ווערטער זענען פֿאַרבליבן ביז צו דער צעפֿאַלונג פֿון דער סאָוועטישער אימפּעריע און ביז צו דעם דערשיינען פֿונעם נייעם זשורנאַל "די יידישע גאַס". די רעדאַקציע פֿון דעם זשורנאַל (הויפּט־רעדאַקטאָר - א. ווערגעליס) האָט געמאַכט באַמיונגען בהדרגהדיק צוריק אַריינפֿירן דעם אָריגינעלן אויסלייג פֿון די דאָזיקע ווערטער. אין דעם חדש ימינו כקדם האָבן אַ געוויסע הילף פֿאַר די אַמאָליקע סאָוועטיש־יידישע לייענער און שרייבער געבראַכט די ספּעציעלע ווערטער־ביכלעך פֿון דעם אויסלייג און אויסרייד פֿון העברעישע און אַראַמישע ווערטער (פֿון שמעון סאַנדלער און משה וואָלף), וועלכע די רעדאַקציע האָט רעגולער פֿאַרעפֿנטלעכט אין יעדן נומער. צום באַדויערן האָט דער זשורנאַל אויפֿגעהערט צו דערשיינען און דער לעצטער בעל־תשובה איז שוין אויך ניטאָ.

עס זענען אָבער פֿאַרבליבן אין פֿאַרשיידענע יידישע שטעט אויף די שטחים פֿון דעם אַמאָליקן סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿאַרשידענע אויסגאַבעס (וואָך־צייטונגען, ביולעטענען א.אַ.) וועלכע זענען פֿאַראינטערעסירט אין דעם אַלוועלטלעכן אויסלייג פֿון די העברעישע און אַראַמישע ווערטער.

לאָמיר האָפֿן, אַז ווי שווער ס'זאָל ניט זיין דער היינטיקער צושטאַנד פֿון אונדזער יידיש־לשון־קודש, וועט עס ניט פֿאַרגיין און וועט נאָך לאַנג פֿאַרבלייבן זאַפֿטיק און פּילקאַליריק, ווייל נאָר גווילין נשרפין ואותיות פורחות.

## דאָס נייסטע יידישע קינדערביכל נאָר וואָס אַרויס פֿון דרוק

ס'איז נאָר וואָס אַרויס אַ ביכל זינגלידער פֿאַר קינדער - פ ל י , מ י י ן פ ל י ש ל אַ נ ג , פֿון דער באַוווסטער פּאָעטעסע און שאַפֿערין פֿון זינגלידער ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן. דאָס ביכל, אין דער פֿאָרעם פֿון אַן אַלבאָם, נעמט אַריין 21 לידער מיט נאָטן, טראַנסקריפּציע, ענגלישע איבערזעצונג, ווי אויך קינסטלערישע אילוסטראַציעס. די מחברטע האָט די לידער וואָס מע קען טייל פֿון זיי אויסשפּילן, געשאַפֿן פֿאַר קלענערע און גרעסערע קינדער פֿון די יידישע שולן, אָדער פֿאַר דער היים, ווו טאַטע־מאַמע ווילן אַריינברענגען אַ יידיש וואָרט אויף אַ שפּילעוודיקן אופֿן.

אַרויסגעגעבן דאָס ביכל האָט די יידיש־ליגע; פֿינאַנצירט - מחברטע. דאָס ביכל האַלט 50 זייטלעך. דער פּרייז: 10 דאָלאַר פּלוס 2 דאָלאַר פּאַק־און פּאָסט־געלט. צו באַשטעלן אויף אַדרעס:

League for Yiddish
200 West 72 Street, Suite 40
New York, NY 10023

ש. סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

# אַ ניי ווּיכטיק ווערטערבוך

עס איז אָנגענומען, אַז דער העברעיש־אַראַמישער קאָמפּאָנענט פון יידיש איז אַ באַדייטנדיקער און באַטרעפט אַרום צוואַנציק פּראָצענט פון אַלגעמיינעם יידישן שפּראַך־אוצר. צוגלייך מיט דעם וועזנטלעכן העברעיש־אַראַמישן צוגאָב, האָט יידיש, ווי אַ לעבעדיקע און זיך אַנטוויקלענדיקע שפּראַך, איינגעזאַפּט און פֿאַראייגנט אַ היפּשע צאָל ווערטער פון דער אַרומיקער סביבה, ווי צב״ש. אַלט־דײַטשישע און שפּעטער־צו, סלאַווישע, פון די פּוילישע, רוסישע און אוקראַינישע לשונות. דאָך איז דער העברעיש־אַראַמישער צושטייער פאַרבליבן אַ יסודותדיקער עלעמענט, וואָס אָן אים וואָלט די שפּראַך אָנגעווירן איר אייגנאַרטיק־יידישן כאַראַקטער. זעען מיר דאָך אַז כמעט אַלע ווערטער און באַגריפן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם רעליגיעזן לעבן און אַפילו דעם טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער און לעבנס־ציקל, זיינען גענומען פון העברעיש־אַראַמישן מקור. דער דאָזיקער עשירותדיקער שפּראַך־רעזערוואַר האָט צוגעגעבן דעם יידיש־לשון בייגעוודיקייט און קלאָריט און האָט עס געראַטעוועט פון דער סכנה פון דייטשמעריזמען, וואָס האָבן זיך ביז ניט לאַנג געמערט אין יידיש־גאָרטן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

די שאַפערס און בויערס פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, פון די קלאַסיקערס ביז היינצייטיקע דיכטער און פּראָזע־שרייבער, האָבן באַוווסטזיניק אָדער אינטויטיוו אַרויסגעפּילט די געפאַר און אַריינגעברענגט וואָס מער ווערטער, ווערטלעך און אַפילו פּסוקים פון תנ״ך, תלמוד, די מדרשים א.א. כמעט פון זיך אַליין איז ביי אַלע יידיש־שאַפערס אָנגענומען געוואָרן אויסצולייגן די־אָ ווערטער ווי אין אָריגינאַל, ד.ה. ניט פאָנעטיש. אין דער זעלבער צייט זיינען די אותיות א׳ ע׳ ו׳ י׳ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואָקאַלן, וואָס דאָס האָט דערמעגלעכט, אַז אַלע אַנדערע יידישע ווערטער זאָלן געלייענט און געשריבן ווערן פאָנעטיש. דער אויסנאַם פאַר דעם העברעיש־אַראַמישן קאָמפּאָנענט איז, ווי געזאָגט, געמאַכט געוואָרן אינטויטיוו, מחמת פּיעטעט פאַר דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלן ווערט וואָס דאָס העברעיש־אַראַמישע שפּראַכוואַרג פאַרמאָגט.

מיטן דערוויטערן זיך פון די נייע דורות פון יידיש־טראַדיציאָנעלן חינוך און לעבנס־אופן, איז דער־אָ צוגאַנג געוואָרן אַ שטערונג צו דערלערנען און באַהערשן די יידישע שפּראַך. סע האָבן זיך דערהערט רופן און פּירלייגן אויסצברייטערן דעם פאָנעטישן פּרינציפּ אויך אויפן העברעיש־אַראַמישן קאָמפּאָנענט פון יידיש. אָט די ראַדיקאַלע רעפאָרם איז רעאַליזירט געוואָרן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב אין סאָוועט־רוסלאַנד. די יידישע קאָמוניסטן פון דער א.ג. ״יעווסעקציע״ האָבן געהאַט דערביי נאָך אַ מיין, נעמלעך, צו דערווייטערן און אָפּפרעמדן די יידישע מאַסן פון טראַדיציאָנעל־יידישן לעבנס־שטייגער. אַזוי אַרום איז פון שבת געוואָרן ״שאַבעס״, פון יום־טוב - ״יאָנטעף״ און פון יתום - ״יאָסעם״.

אָט דער איינפיר האָט צעטיילט די יידיש־שרייבער און לייענער אויף צוויי באַזונדערע מחנות: די יידיש־סאָוועטישע און אַ צאָל פון זייערע נאָכפאָלגער איבער דער וועלט, און דער רוב יידיש־שאַפער אין מזרח־אייראָפּע, אַמעריקע, ארץ־ישראל א.א. לענדער. די דאָזיקע צעטיילונג האָט אָנגעהאַלטן כמעט זיבעציק יאָר, ביזן פונאַנדערפאַל פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווען די מחיצה צווישן די רוסישע יידן און זייערע

ברידער אין דער גאָרער וועלט איז בטל געוואָרן.

איז ניט קיין וואונדער, אַז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם ענין און איניצירט אַ פּראָיעקט פֿאַר דער ווידערפֿאַראייניקונג פֿון יידיש. ס'איז אויך גוט געשען, וואָס די אויפֿגאַבע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם באַגאַבטן עסייסט, קריטיקער און לעקטאָר, ד״ר משה וואָלף פֿון פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן, פּאַריייניקטע שטאַטן. דער אויסוואַל איז געווען אַ גוטער מחמת ד״ר וואָלף פֿאַראייגנט אין זיך ביידע טראַדיציעס און נוסחאות, די אַלגעמיין יידישע און די יידיש־סאָוועטישע.

אַ געבוירענער אין וואַרשע, האָט ער נאָך באַוויזן איינצוזאַפּן אין זיך די רייכע קולטור־רעליגיעזע השפּעות פֿון פּוילישן יידנטום. די מלחמה און נאָך־מלחמה יאָרן האָט ער פֿאַרבראַכט אין סאָוועט־רוסלאַנד, געדינט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער רויטער אַרמיי, שטודירט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט און באַקאַנט געוואָרן ווי אַן אָנגעזעענער פּסיכיאַטאָר. אין 1992 האָט ד״ר משה וואָלף עמיגרירט, צוזאַמען מיט זיין משפּחה, קיין אַמעריקע און דאָ זיך קונה־שם געווען ווי אַ גייסטרייכער עסייסט, ליטעראַטור־קריטיקער און לעקטאָר. זיינע עסייען און אָפּהאַנדלונגען דערשיינען אין די ערנסטע יידישע צייטשריפֿטן, ווי ״יידישע קולטור״, ״די צוקונפֿט״, ״חשבון״ א.א., און זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער גרינטלעכקייט און קענטעניש, ועל־כולם - מיט ליבשאַפֿט צום בעסערן יידישן וואָרט און צו די דיכטער און שרייבער, וואָס שאַפֿן עס.

אָט די מעלות קאָן מען זען אין זיין נייער לעקסיקאָגראַפֿישער אַרבעט, אַ בוך פֿון 112 זז׳. אין אַלבאָם־פֿאָרמאַט, וואָס טראָגט דעם לאַנגן נאָמען: ״העברעישע און אַראַמישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך, זייער אויסלייג און אַרויסרעד, זייער טייטש אין ענגליש און רוסיש״. די אַרבעט איז, ווי געזאָגט, איניצירט און אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון ווידעפֿאַרייניקונג פּראָיעקט פֿון יידישן וועלט־קאָנגרעס בשותּפֿות מיט דער יידישער פֿעדעראַציע פֿון פּאָרטלאַנד, וווּ ד״ר משה וואָלף איז אַ תּושב זינט זיין קומען קיין אַמעריקע. דאָס בוך איז זאָרגפֿעליק אַרויסגעגעבן, געדרוקט אויף גוטן פּאַפּיר, מיט גרויסע לייענבאַרע אותיות, אָן גרייזן און דרוקפֿעלערן. צווישן די ווייכע טאָוולען פֿון בוך איז איינגעזאַמלט אַן אוצר פֿון העברעיש־אַראַמישע ווערטער, באַגריפֿן און אויסדרוקן פֿון אַלע געביטן פֿון לעבן, וואָס זיינען פֿאַראייגנט געוואָרן אין משך פֿון דורות אין יידיש־לשון. אָט דער רייכער ווערטער־אוצר איז איינגעסדרט לויטן אלף־בית מיטן אָנגענומענעם בכל־התפוצות אויסלייג, באַגלייט מיט דעם פֿאָנעטישן יידיש־סאָוועטישן אויסלייג פֿון יעדן וואָרט. אַזוי אַרום קאָן דאָס ווערטערבוך דינען ווי אַ האַנטבוך סיי פֿאַר יידיש־שרייבער, וואָס קאָנען דאָ לייכט געפֿינען דעם אויסלייג און דעם אַרויסרעד פֿון די העברעיש־אַראַמישע ווערטער, און סיי פֿאַר דעם אָנהייבער, אין אַמעריקע ווי אין די לענדער פֿון געוועזענעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. כּדי נאָך מער בייהילפֿיק צו זיין די לייענער און לערנער אין די ביידע וועלט־טיילן, זיינען אַלע ווערטער און אויסדרוקן באַזאָרגט מיט אַ פּאַסיקער איבערזעצונג אויף ענגליש און אויף רוסיש.

פֿאַרשטענדלעך, אַז אין אַ בוך פֿון עפּעס מער ווי הונדערט זייטן איז ניט איינגעזאַמלט געוואָרן דאָס גאַנצע העברעיש־אַראַמישע שפּראַכוואַרג, וואָס יידיש פֿאַרמאָגט. מען קאָן נאָך שעפּן פֿיל פֿון די גרונטיקע ווערטערביכער פֿון אלכּסנדר האַרקאַווי, אוריאל ווײַנרייך, מרדכי צאַנין, און בעיקר פֿונעם ״אוצר פֿון דער יידישער שפּראַך״ פֿון נחום סטוטשקאָוו א.א. סיי ווי איז אַ סאָלידער אָנהייב געמאַכט געוואָרן מיט ד״ר משה וואָלפֿס אַרבעט און דערפֿאַר קומט אים אונדזער יישר־כּוח.

י. גאָלדקאָרן / בת־ים

# אַ מזל פון אַ ייִד

נאָר וואָס אַוועק פּורים, מען האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן צו פאַרפּאַקן די מגילה, האָט מיין זיידע - בעריש פילצער, זיך שוין געגומען גרייטן צום יום־טוב פּסח.

מיין זיידע האָט געלעבט מיט גרייטן זיך צו מיצוות, צו ימים־טובים. דאָס ביסל לעבן אויף דער זינדיקער ערד איז דאָך געגעבן געוואָרן דעם מענטשן נאָר כדי צו דינען דעם בורא־העולם, מקיים צו זיין די תרי״ג מיצוות. ווען נישט, טאָ צו וואָס האָט ער באַשאַפן דעם מענטש? האָט דעריבער מיין זיידע ימים ולילות עוסק געווען אין דברי־קדושה און נישט געלאָזט זיך אַריינשלעפן אין דברים של חול.

די באָבע זיסל וואָס האָט אַחוץ דער באַלעבאַטישקייט געמוזט אויך טראָגן דעם עול־פּרנסה, איז נישט געווען אַזוי שטאַרק צופרידן מיט דעם זיידנס התלהבות. זי האָט עס פון צייט צו צייט אַרויסגעוויזן אויף אַ געגוג שאַרפן אופן.

- ווייס איך וואָס - האָט אין אַזאַ פאַל געזאָגט דער זיידע, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון דעם ספר. - אַ זינדיקע יידענע נעבעך.

דאָס איז אַוודאי געווען די סיבה וואָס די באָבע זיסל איז תמיד אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביטערטע און אויסגעלאָזט איר כעס צו אַלץ און צו אַלעמען. אין דער משפחה האָט מען זי דערפאַר גערופן - די מרשעת.

קען זיין, אַז די סיבה פון דער באָבע זיסלס רישעות איז געווען גאָר אַן אַנדערע. אין עלטער פון קרוב פופציק יאָר איז מיין זיידע געוואָרן אַן אַלמן און דערצו נאָך אַ מטופל מיט קינדער. וואָס אַן אמת זענען די עלטערע צוויי זין און די מומע חנהלע געווען שוין דערוואַקסענע מענטשן און אַפילו געשטאַנען אין שידוכים. אָבער ווי קען מען לאָזן אַזאַ ייד ווי מיין זיידע בעריש פילצער, אָן אַ ווייב? האָט מען אויסגעפונען אַ ווייטע קרובה וואָס האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ יתומה, אָבער אַ יפת־תואר אין עלטער פון זיבעצן יאָר. דאָס איז טאַקע געווען די באָבע זיסל וועלכע מען האָט פאַרשדכנט צו מיין זיידן. אויף אַזאַ אופן האָט מיין טאַטע באַקומען אַ שטיפמאַמע, וועלכע איז געווען מיט צוויי יאָר יינגער פון אים. אַלע יאָרן האָט מען דערציילט אין דער משפחה אַז די באָבע זיסל האָט געטאָן אַ גאָלדענעם שידוך. אַ קלייניקייט, זי האָט באַקומען אַ מאַן אַזאַ תלמיד־חכם ווי מיין זיידע!

די באָבע האָט געבוירן מיין זיידן בסך־הכל דריי זין, און שוין... וואָס אַן אמת האָט זי שטאַרק געוואָלט האָבן כאָטש איין טאָכטער. אָבער דער זיידע - אפשר אַ ביסל פאַר דער צייט, איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן. זיינע מחשבות זענען שטענדיק געווען אין עפּעס אַ פּלוגתא פון דער גמרא און אין גימטריות פון דער קבלה. און ווען די באָבע איז אַ מאָל אַרויס פון די כלים און עס איז דערגאַנגען צו הויכע גדולות, האָט דער זיידע פאַרמאַכט דאָס ספר און שטיל, אָן אַ וואָרט אַרויס פון שטוב. ער איז אַוועק אין בית־מדרש, אַרויף אויפן בעלעמער, געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש און אויסגערופן:

- רבותי! משיח גייט, מען דאַרף תשובה טאָן...

ווי געזאָגט, האָט מען גלייך נאָך פּורים גענומען זיך גרייטן צום פּסח: רוימען, ווישן, פּוצן, צוגרייטן שמאַלץ, קאַרטאָפל, אָנשטעלן רויטן באָרשטש. מיט דעם אַלעמען האָט זיך פאַרנומען די באָבע. דער זיידע האָט זיך פאַרנומען מיט אָנשטעלן וויין אויף אַרבע כוסות. די באָבע האָט אָפּגעוואַשן אַ שטיקל פּאָדלעגע אין אַ ווינקל פון דער צווייטער

שטוב, אונטערגעלייגט אַ ריין ווייס פּאַפּיר. ערשט דערנאָך האָט דער זיידע אָוועקגעשטעלט די ריין אַרומגעוואַשענע בוטלע, פאַרמאַכט די טיר אויפן שליסל און גענומען זיך צו דער אַרבעט. געטאָן האָט ער דאָס ווי ער זאָל אויספירן הי הייליקע עבודה. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק האָט ער אַרומגעוויקלט די בוטלע מיט אַ ליילעך, וואָס איז געווען געוואַשן אַן קראַכמאַל, ספּעציעל אויף פסח און פאַררוקט די בוטלע אין אַ ווינקל אויף דער פריש אָפּגעוואַשענער שאַנק, כדי עס זאָל חלילה נישט פאַלן אויף איר קיין פרעמד אויג, וואָס קען פאַרוואַנדלען דעם ווײַן אין יין־נסך. דער זיידע האָט זיך אויך פאַרנומען מיט משגיח זיין אויף דער מצה־שמורה וואָס טוביה דער בעקער האָט געבאַקן ספּעציעל פאַר אים. אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אין די לעצטע טעג, ווען כמעט אַלץ אין שטוב איז שוין געווען כשר לפסח.

אין די ערשטע טעג נאָך פורים האָט מען געלופטערט די ספרים און דערביי בין איך געווען דער הויפּט געהילף פון זיידן. ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט אַרויסצושלעפּן אויפן הויף גאַנץ ש"ס, אַחוץ חומשים און אַנדערע ספרים, אַלע זענען זיי געווען געבונדן אין שווערע לעדערנע באַנדן, באַצירט מיט גאָלדענע אויפשריפטן און מיטן נאָמען פון זיידן.

די ספרים האָט מען אויסגעלייגט אויף ברעטער און דער מילדער פרילינגווינט האָט געמישט די בלעטער. אָבער מיין זיידע האָט זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויפן ווינט, נאָר אַליין איבערגעקערט יעדן דף און אונטערגעבלאָזן, עס זאָל חלילה נישט פאַרבלייבן ערגעץ ווו אַ פאַרבאָרגן ברעקעלע חמץ. איך האָב אָפּגעווישט יעדן ספר און אים צוריק אַריינגעשטעלט אין שאַנק, וואָס די באָבע האָט אין צווישנצייט באַוויזן גוט אויסצוואַשן. נאָך דעם האָט מען די שאַנק פאַרהאָנגען מיט אַ ווייסן ליילעך און אויך דער טייל שטוב איז שוין געווען כשר לפסח.

קען זיין אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ צו שטאַרקן אָנשטרענג, צו וועלכן דער זיידע איז נישט געווען געוווינט. אָבער וואָס מער עס האָט זיך דאָס מאָל דערנענטערט דער יום־טוב, אַלץ ערגער האָט זיך דער זיידע געפילט. און גראָד בעתן בדיקת־חמץ האָט ער באַקומען אַ שטאַרקן אַטאַק פון אַסטמע פון וועלכער ער האָט געליטן שוין לאַנגע יאָרן.

ווייזט אויס אַז נאָר יראת־שמים האָט אים געגעבן כוח גובר צו זיין די קרענק, און ער האָט באַוויזן אָפּצוריכטן ביידע סדרים, כאָטש אין דער צווייטער סדר־נאַכט האָט ער שוין נישט געקענט גיין אַפילו אין שטיבל אַריין נאָר געדאַוונט אין דער היים ביחידות.

אין צווייטן טאָג פסח, בעת דער מיטאָג־סעודה האָט דער זיידע זיך געפילט אַזוי שלעכט, אַז אַפילו די באָבע זיסל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און געטריבן דעם פעטער ער זאָל לויפן רופן דעם דאָקטער.

ווען דער דאָקטער איז געקומען, האָט דער זיידע זיך געפילט אַ ביסל בעסער. דער הוסט האָט אויף אַ ווײַלע נאָכגעלאָזט און צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג פון אַלע, האָט ער פאַרעקשנט אָפּגעזאָגט צוצולאָזן צו זיך דעם דאָקטער. נאָך לאַנגע תרעומות האָט דער זיידע געזאָגט:

– פּאַניע דאָקטאָר! זיבעציק יאָר האָב איך אויסגעלעבט אָן דאָקטוירים, נאָר מיט דער השגחה פון בורא־עולם, איז אויב עס איז געקומען די צייט איך זאָל זיך שטעלן פאַרן בית־דין של מעלה, בין איך עס מקבל באהבה, אָבער – האָט ער צוגעגעבן נאָך שווייגן אַ ווײַלע – איך בין גרייט צו לאָזן זיך באַהאַרכן, אויב איר קענט מיר פאַרזיכערן, אַז

אייערע רפואות וועלן מיר העלפן, איך זאָל באַוויזן פאָרן זיך גרעזעגענען מיטן רבין.

דער דאָקטער איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער געזאָגט:

- אַ דאָקטער איז נאָר אַ שליח פון גאָט, אין וועמענס הענט עס געפינט זיך דער גורל פון יעדן מענטש.

דער ענטפער איז געווען דעם זיידן שטאַרק צום האַרצן און ער האָט מסכים געווען אָנצונעמען דעם דאָקטערס הילף. נאָך דעם איז אָבער אויפגעקומען אַ נייע שוועריקייט. דער זיידע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען וועלכע עס איז רפואה וואָס איז חמצדיק. די טענה וועגן פּיקוח־נפש האָט ער אָפּגעשטויסן מיט כלערליי חריפותדיקע אויסטייטשן פון ש"ס און פוסקים. ער האָט קוים מסכים געווען צו לאָזן זיך מאַכן אַן איינשפּריצונג.

אין אָוונט האָט דער זיידע זיך געפילט בעסער און כמעט אַ גאַנצע נאַכט רויק געשלאָפן. אין דער פרי, ווען איך בין צו אים געקומען, האָט ער אויסגעזען צו זיין אויפגעלייגט, כאָטש ער איז געווען זייער שוואַרך.

פּלוצעם האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און אויסגערופן:

- נו! מען דאַרף אויפשטיין צו עבודת־הבורא.

איך האָב אים דערלאַנגט דעם טלית, ווייל כ'האָב שוין געוווסט, אַז ווען דער זיידע איז קראַנק, דאַוונט ער אין בעט. אָבער דאָס מאָל האָט ער נישט מסכים געווען.

- ניין, מיין קינד - האָט ער געזאָגט - איך מיין טאַקע אויפשטיין. - און ער האָט גענומען זיך אָנטאָן.

איך האָב אים געהאָלפן אַרויפשלעפּן אויף זיך די זיידענע קאַפּאָטע און אַרומבינדן דעם גראָבן שווערן גאַרטל. ער איז אַראָפּ פון בעט און ווען ער האָט פאַרוואָרפן דעם טלית איבערן קאָפּ און גענומען זאָגן די ברכה "להתעטף", האָט ער זיך געגעבן אַ וואַקל. איך האָב געזען, אַז ער קען נישט שטיין אויף די פיס, און אים אונטערגעהאַלטן. צום סוף האָט ער פאַרלייגט דעם טלית אויף די אַקסלען און אָנהאַלטנדיק זיך מיט די הענט ביים טיש גענומען זאָגן - מה טובו אהליך יעקב...

ער האָט באַוויזן צו מאַכן נאָך איין קרייז אַרום טיש, זיך געזעצט אויפן בעט און אַוועקגעפאַלן. די באָבע איז גראָד מיט עטלעכע מינוט פריער אַרויס פון שטוב און איך בין געווען אַליין מיטן זיידן. כ'האָב אים געפרוווט שלעפּן ביים אַרבל, וועקן. אָבער ער האָט זיך נישט גערירט. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן און געלאָפן רופן שכנים. אין דער רגע האָט זיך אין טיר באַוויזן ר' פייוול שוחט, וועלכער האָט אויפן וועג פון שטיבל זיך אַריינגעכאַפּט זען וואָס דער זיידע מאַכט. ר' פייוול שוחט איז געווען דער בעסטער ידיד פון זיידן. מען האָט געשמועסט אין שטעטל, אַז ער איז שוין לאַנג אַריבער די אַכציק, כאָטש ער האָט אויסגעזען יינגער פון זיידן. ר' פייוול איז מיט איין שפּאַן געווען ביים בעט פון זיידן און געבליבן שטיין אַן איבערגעראַשטער. באַלד האָט ער גענומען רייסן דאָס קישן, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ פעדער און זי צוגעלייגט צו די נאָזלעכער פון זיידן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען, נאָך דעם אויסגערופן:

- ברוך דיין אמת! - און פאַרדעקט דאָס פּנים פון זיידן מיטן טלית.

נאָך דעם האָט ער געזאָגט צו מיר:

- יאָסעלע! לויף אין שטיבל און זאָג דאָרט עס זאָל קומען אַ מנין יידן. דער זיידע איז ניפטר געוואָרן. - און ווי ער זאָל רעדן שוין נאָר צו זיך האָט ער צוגעגעבן: - אַ מזל פון אַ ייד. ניפטר געוואָרן אין חול־המועד פסח. איינגעשפּאָרט זיך חיבוט־הקבר...

עקיבא פישבין / ירושלים

# Musee Nissim de Camondo - Paris

## מצבה לזכר אַן אַלט־אַלטער יידיש־ספרדישער משפחה

"ס'וועט בלייבן דער פאַקט,
אַז מיר האָבן עקזיסטירט,
אַפילו אויב אונדזער נאָמען
איז אויסגעמעקט אין זכרון
פון מענטשן...
וולאַדימיר יאַנקעלעוויטש
(פראַנצויזיש־יידישער פילאָזאָף)

טאָמער קומט איר אַ מאָל אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט פון ליכטער - פּאַריז, זאָלט איר - למען השם - נישט אויסמיידן דעם "ניסים קאַמאָנדאָ"־מוזעום. איר מוזט אָנקוקן און זען, ווי אַ ייד, אַ בעל פּרנסה, האָט מיט אַ קאַרגע הונדערט יאָר צוריק אויפגעשטעלט פאַר זיך אַ היים אין פּאַריז. דאָס איז בפירוש אַ צאַצקע פון קונסט. אַ באַזוכער, וואָס האָט אויגן צו קוקן און זען, גייט אַרויס פון דעם דאָזיקן קונסט־היכל אַ באַרוישטער.

דאָס האָט דער ספרדישער ייד משה קאַמאָנדאָ אויפגעשטעלט דעם גרויסן שלאָס, דאָס האָט ער דאָרט איינגעזאַמלט די אַלע אָריגינעלע קאָסטבאַרע מעבלען און חפצים פון 18־טן י"ה, און אין דעם דאָזיקן פּרינצישן קאָדער האָט ער אָפּגעלעבט אַ לעבן אין עושר און כבוד און אויסגעכאָוועט אַ זון מיט אַ טאָכטער. אים איז אָבער נישט באַשערט געווען אַוועקצוגיין פון דער וועלט ווי אַ גליקלעכער מענטש. אין יאָר 1917, איז זיין בן־יחיד ניסים, אַ פּליער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, געפאַלן אין דער מלחמה קעגן די דייטשן.

שווער איז דעם אומגליקלעכן פאָטער געווען איבערצוטראָגן די אבדה. אין טיפן טרויער האָט ער באַשלאָסן, אַז נאָך זיין טויט, זאָל דער שלאָס - ווי ער גייט־און־שטייט - אַריבערגיין אין רשות הרבים און ווערן אַ מוזעום לזכר זיין געפאַלענעם זון ניסים.

משה קאַמאָנדאָ איז געשטאָרבן אין 1935 און אין יאָר 1936 איז זיין ווינאָרט געוואָרן דער "ניסים קאַמאָנדאָ" מוזעום, אַ מין מצבה נאָך זיין אומגעקומענעם בן־יחיד. ביים היינטיקן טאָג איז עס שוין אַ מצבה לזכר דעם גאַנצן שבט קאַמאָנדאָ. דער לעצטער גליד פון דער משפחה, משהס טאָכטער בעאַטריס, איז מיט איר מאַן און צוויי קינדער אומגעקומען אין אוישוויץ. און אַוועק איז מיטן רויך פון די נאַצישע קרעמאַטאָריעס אַן אַלט־אַלטער יידיש־ספרדישער שבט, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געשאַפן און געלאָזט פון זיך הערן. דער איינציקער זכר פאַרבליבן נאָך די אַ יידן איז דער מוזעום...

* * *

ווען דאָס קעניגליכע פּאָרל, פערדינאַנד און איזאַבעל, האָט פאַרטריבן די יידן פון שפּאַניע, האָט די קאַמאָנדאָ משפחה געפונען איר מקום מנוחה ביי די סולטאַנען אין טערקיי. דאָרט האָבן די דאָזיקע יידן געהאַנדלט און געוואַנדלט, באַרייכערט דאָס לאַנד

און געגעסן ברויט מיט פוטער צו דער זעט.

יאָ - ווי האָט געזאָגט יענער טערקישער הערשער: "זיי ווייסן גאָרנישט, פערדינאַנד און איזאַבעל, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן, און וואָס איך האָב געוווּנען!"

מאַכט זיך - אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך איבערגעריסן דאָס שטריקל, בסוף 18־טן י"ה איז דער סולטאַן אַריין אין כעס און באַשטראָפט זיין חוצפהדיקע יאַנטשאַרן־אַרמיי מיט אַ בלוט־באָד. איינוועגס דערביי, האָט ער שוין אויפגעהאַנגען די סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די יאַנטשאַרן...

אברהם שלמה, וואָס פלעגט צושטעלן שטאָפן פאַר דער אַרמיי, איז על פי נס ניצול געוואָרן פון דער תליה. ער איז, אין אַ פינצטערע נאַכט, אַרויף, צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינד, אויף אַ שיף און געמאַכט אַ ויברח קיין איטאַליע. אברהם שלמה איז געווען אַ ייד מיט אַ קאָפּ אויפן קאַרק: און היות ווי געלט האָט אים נישט געפעלט, האָט ער אין טריעסט, אין יאָר 1801, אויפגעשטעלט אַ באַנק: געוואָרן דער פּאַטריאַרך פון דער דינאַסטיע קאַמאָנדאָ־באַנקירן.

ווען דער כעס פון סולטאַן איז אַריבער, האָט זיך אברהם שלמה געיאַוויעט אויפסניי אין טערקיי, און אויפגעשטעלט אויך דאָ אַ באַנק. בליץ שנעל איז דער קאַמאָנדאָ עסק געוואָרן די גרעסטע טערקישע באַנק, געהאָלפן דעם לאַנדס ווירטשאַפט צו שטעלן אַ לייטישן טריט פאָרויס. וואָס איז דאָ שייך - אברהם שלמה איז פאַר די סולטאַנען געווען אַ מענטש נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט: מיט זיין וואָרט האָט מען זיך דאָרט גערעכנט.

ווי דער שטייגער, אַ ייד, אַ נגיד, איז אברהם שלמה געווען אין יידישן יישוב פון טערקיי אַ פיגור פון דער מזרח־וואַנט. ער האָט דאָס, וואָס אַן אמת, כשר פאַרדינט. זיין רייכע טאַש איז פאַר יידישע הצטרכות געווען שטענדיק אָפן: ער האָט געבויט שילן און תלמוד־תורה. מילא - אַ בעל צדקה איז ער געווען, אברהם שלמה, איינער אין דער וועלט. אַן אָרעמאַן איז פון אים ליידיק נישט אַוועק.

היות, מזל צו אַלץ אין דער וועלט איז ביי גאָט נישט פאַראַן, האָט אברהם שלמה געהאַט אַ זון - אַ קנאַפּער אויסטויגער צו די באַנק־געשעפטן. האָט ער אָבער געהאַט צוויי אייניקלעך, אברהם־בכור און ניסים, זענען זיי געווען - פייער! זיי האָבן אַרויסגעהויבן די קאַמאָנדאָ־באַנק צום זעניט פון הצלחה.

אין יאָר 1860 האָבן די צוויי ברידער קאַמאָנדאָ אַריבערגעפירט די באַנק־צענטראַלע קיין פּאַריז און דאָ פונאַנדערגעוויקלט אַן אימפּעטיקע טעטיקייט - די קאַמאָנדאָ־באַנק איז געוואָרן אַ פינאַנציעלע אימפּעריע. און ווען די צוויי ברידער זענען געוואָרן יחסנים אין אַלע הויכע פענצטער, האָבן זיי זיך דערווייטערט פון זייער אָריענטאַלן שורש און זיך פּאַרוועבט אין די מאָדערנע קרייזן פון פּאַריז. דעם טעם אין יידישקייט האָבן זיי אָבער דאָך נישט פאַרלוירן!

אוודאי האָבן זיי אויפגעשטעלט אין דער פּרינציפּאַלער נייער געגנט פון פּאַריז, ווו די אויפגעקומענע גבירים האָבן געהאַלטן אין בויען שלעסער, צוויי ריזיקע קאַמעניצעס און געפירט אַ פּרינציש לעבן, אָבער געווען איז אין זייערע היימען, מחוץ טייערע מעבל, פּערסישע דיוואַנען און קאָסטבאַרע אָריענטאַלע חפצים, אויך אַ היפּשע קאָלעקציע פון יודאַאיקאַ־קונסט, און דער עיקר - אַ שיל, דער קבלת שבת און יום־טוב איז געוואָרן שטרענג אָפּגעהיט!

און נאָך עפּעס - זייער פאַרצווייגטע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט איז, דער עיקר,

געגאַנגען פֿאַר יידישע צוועקן, אברהם־בכור האָט אויסגעגעבן פֿאַרמעגנס צו בויען אַ מאָדערן יידיש שולוועזן אין טערקיי. בנפשי איז דעם ייד געגאַנגען - הייבן דעם סאָציאַל־געזעלשאַפֿטלעכן מעמד פֿון טערקישן ייד דורך בילדונג.

די ברידער קאַמאָנדאָ האָבן ממשיך געווען זייער זיידנס טראַדיציעס, די רעליגיעזע און יידיש־געזעלשאַפֿטלעכע, געווען וואַרעמע יידן - אמת - לפֿי זייער פֿאַרגעשריטענעם באַנעם. מיט זייערע יורשים נעמט אַ סוף צום יידישן התנהגות פֿון שבט קאַמאָנדאָ, זייערע איינציקע זין, די יורשים, זיי זענען שוין גאָר אַנדערע יידן - נאָר בלויז פֿון אָפּשטאַם... הגם דעם פֿעלץ האָבן זיי נישט איבערגעדרייט. זיי האָבן נאָר אין יידישקייט סתם קיין טעם נישט געפֿונען. ובכן, האָבן זיי איבערגעריסן מיט די רעליגיעזע און געזעלשאַפֿטלעך־יידישע טראַדיציעס פֿון שבט און גענומען פֿירן אַ לעבן לויטן שטייגער פֿון די רייכע אַריסטאָקראַטן.

איזאַק, דער זון פֿון אברהם־בכור און משה, דער זון פֿון ניסים, די יונגע גלידער פֿון דער קאַמאָנדאָ משפחה, האָבן געהאַט אַספּיראַציעס פֿון שיינגייסטער - זיך פֿאַרנומען אויסשליסלעך מיט קונסט און געוואָרן מעצענאַטן. די שיל האָבן זיי ליקווידירט אין זייערע היימען, און די חפצים פֿון יודאַיקאַ־קונסט, געזאַמלטע זייט דורות, האָבן זיי אַוועקגעשענקט אַ פֿאַריזער מלוכה־מוזעום.

איזאַק קאַמאָנדאָ האָט געשטעקט אין קונסט ענינים - ביז איבערן קאָפּ. ער האָט געשטיצט קינסטלער אָן אַ מאָס, און עוסק געווען אַליין אין מוזיק, אַפֿילו אַן אָפּערע געשאַפֿן, וואָס האָט זוכה געווען צו עטלעכע פֿאָרשטעלונגען אין פֿאַריז. היות, ווי פֿאַר די פֿינאַנציעלע געשעפֿטן פֿון דער משפחה איז אים קיין צייט נישט געבליבן, האָט ער אַ טייל באַנק־ענינים ליקווידירט און די רעשט געשעפֿטן געלאָזט פֿאַר די פֿאַראַנטוואָרטלעכע דירעקטאָרן.

איזאַק קאַמאָנדאָ איז געשטאָרבן אַ בחור: פֿאַרן טויט האָט ער זיין קונסט־קאָלעקציע איבערגעגעבן דעם לוווּר־מוזעום.

וואָס שייך משהן, דעם איינציקן יורש פֿון ניסים קאַמאָנדאָ, האָט ער וואָס אַן אמת, חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פֿון אַ יידישן באַנקיר כדת משה וישראל; געלעבט האָט ער לויט דער הלכה פֿון די בלוט־און־געלט אַריסטאָקראַטן. מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן - משה קאַמאָנדאָ האָט געטראָגן אויף זיינע אַקסלען דעם טיטל גראַף. דאָס האָט דער איטאַליענישער מלך וויקטאָר עמאַנועל II באַדאַנקט מיטן אַדעליקן מעמד די משפחה פֿאַר איר ריזיקער פֿינאַנציעלער הילף בעת איטאַליעס קאַמף פֿאַר פֿאַראייניקונג.

איי, האָבן די שונאי ציון אין פֿראַנקרייך געחוזקט פֿון די אַלע ניי־געבאַקענע באַראָנען און גראַפֿן. געלאַכט פֿון זיי אין די פּויסטן! זיך געוויצלט אויפֿן חשבון פֿון זייער אַריסטאָקראַטישער באַנעמונג און אַרט לעבן אויף די שפּיץ פֿינגער...

משה קאַמאָנדאָ, איבערגענומען מיט זיין טיטל - גראַף, האָט גוט־גוט בודק געווען זיין פֿירעכץ. נישט געוויזן זיך, חס וחלילה, פֿאַר מענטשן אָן דעם מאָנאָקל אין רעכטן אויג: אַ טאָג נישט פֿאַרפֿעלט צו רייטן אין פֿאַריזער בולאָנער וואַלד אויף זיין פֿערד: אָפּט פֿלעגט ער זיך באַטייליקן אין יאַגד און לאָזן לויפֿן זיינע פֿערד אויף די פֿערד־געיעגן: און ווי דער שטייגער ביי די רייכע הויך־געבוירענע, פֿלעגט ער האָבן אַן אייגענע לאָזשע אין דער אָפּערע, ווי להבדיל אַ יידישער נגיד - אַן אייביקע שטאָט אין שיל.

משה קאַמאָנדאָ איז געווען פֿאַרטון אין מאָדערנע ענינים אַ פֿעליקן טאָג. איז ווו האָט

ער געהאַט צייט און געדולד צו דער משפּחה־באַנק? איז ער במילא מסכים געווען איינצושרומפּן די פינאַנציעלע געשעפטן און לעבן רויק לויט זיין געשמאַק.

משה קאַמאָנדאָ, ענלעך ווי איזאַק - זיין קוזין, איז געווען אַ גרויסער קאָלעקציאָנער און אַ מעצענאַט. ער איז פּאַרקאַכט געווען דווקא אין דער קונסט פון 18־טן י"ה: די קונסט פון 18־טן י"ה איז אַ שטיק צייט שוין געווען אין דער מאָדע ביי די רייכע אַריסטאָקראַטן - אַ רעאַקציע צו די אַלע קונסט־מאָדערניזמען פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן, לפי זיי, דער ריח פון וולגאַריטעט. קאָלעקציאָנירן קונסט־אָביעקטן פון 18־טן י"ה איז דעמאָלט אַ סימן פון אַ בעסערן געשמאַק. ווער שמועסט איינשטעלן אַ היים אין דאָזיקן עלעגאַנטן סטיל - דאָס האָט שוין באַוויזן סתם, אַז מען איז אַ מענטש פון העכסטן סאָציאַלן שיכט.

הקיצור - ווען ניסים קאַמאָנדאָ איז אַוועק אויפן עולם האמת, האָט זיין זון, משה געררופן אַן אַרכיטעקט און געהייסן אויפשטעלן אַ שלאָס, ער זאָל זיין ענלעך צו יענעם, וואָס גאַבריעל, דער אַרכיטעקט פון 18־טן י"ה, האָט אויפגעשטעלט פאַר מאַרי אַנטואַנעט, דער מלכה פון פראַנקרייך...

ווי איר זעט, האָט דער ייד משה געהאַט אַ גוטן געשמאַק!

אויף אַזאַ שטייגער, האָט מען שוין צענומען דעם גרעסטן טייל קאַמעניצע, וועלכע דער טאַטע האָט געבויט, און אויפן ליידיק־געוואָרענעם פּלאַץ, צווישן הויף און גאָרטן, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן עלעגאַנטער, גרויסער, צוויי־שטאָקיקער שלאָס. פון טאַטנס קאַמעניצע האָט משה קאַמאָנדאָ איבערגעלאָזט דעם פראָנט - ער זאָל מצד דער גאַס פאַרשטעלן זיין שלאָס, וואַרשיינלעך, פאַר אַ בייז אויג... ווייל טאָמער אַ מאָל - אַ קשיא פאַר אַ מעשה...

אינעם פראָנט־טייל פון דער קאַמעניצע פלעגט איינשטיין אַ טייל דינערשאַפט, די פערד־שטאַלן און דער גאַראַזש פאַר אויטאָמאָבילן.

מען דאַרף באַטאָנען, אַז די אינערלעכע אויסשטאַטונג פון שלאָס - די מוזעום - לייטונג האָט דאָ גאָרנישט געענדערט - איז אויסגעצאַצקעט לויטן עלעגאַנטן און רייכן געשמאַק פון 18־טן י"ה. אַלץ שמעקט דאָרט מיטן צויבער פון יענער ראַפינירטער קונסט. אויף די דעמבענע דילן פון די סאַלאָנען ליגן אַלט־פראַנצויזישע טעפּיכער, וואָס שטאַמען פון קעניגלעכע פּאַלאַצן. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט גאָבעלינגען און בילדער. דאָס מעבל פון שלאָס - יעדער מעבל־שטיק, באַשלאָגן מיט באַגילדעטע אָרנאַמענטן, טראָגט דעם סטעמפּל פון באַרימטע מעבל־מייסטער, די צושטעלער פאַרן קעניגליכן הויף פון פראַנקרייך. די אַלע צאַצקעס פון מעבל־קונסט, אויך די באַגילדעטע הילצערנע באַפּוצונגען איבער די סאַלאָן־טירן, פאַרענדיקט מיט מאָלערייען, דאָס אַלץ שטאַמט פון יענע רייכע אַדעליקע שלעסער פון פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען יענער עולם האָט געלעבט אַ טאָג.

ווי אַן אַמאַטאָר פון דער פּלאַסטישער קונסט פון 18־טן י"ה, האָט משה קאַמאָנדאָ צעהאָנגען איבער די סאַלאָן־ווענט פּאָרטרעטן, וועלכע די הויף־קינסטלערין פון מאַרי אַנטואַנעט, וויזשעי־לעברען, האָט געמאָלן. אויף די ווענט הענגט אויך אַ ריי בילדער פון גוואַרדי, דעם באַרימטן איטאַליענישן פייזאַזשיסט פון 18־טן י"ה.

אין דער רייכער קאָלעקציע טיש־געשיר, זעט מען זילבערנע כלים וואָס די רוסישע יעקאַטערינע II האָט באַשטעלט ביי אַ פּאַריזער מייסטער, אַ מתנה פאַרן גענעראַל אָרלאָוו - איר געליבטן. נאָכן טויט פון אָרלאָוו, האָט די כלים געירשנט די פּאַראבלטע

יעקאטערינע II, און ווען זי האָט פֿאַרלאָזט די זינדיקע וועלט, זענען די זילבערנע כּלים - פּאָר שווערע געלטער - אַריבער אין באַזיץ פֿון משה קאַמאַנדאַ. איבער די סאַלאָנען פֿון שלאָס זענען צעשטעלט קליינע סקולפּטורן פֿון אַ דעקאָראַטיוון כאַראַקטער - ווערק פֿון קינסטלער מיט אַ שם בשעתו.

איך שפּאַצירט איבער די אויסגעצאַצקעטע מוזעאַלע זאַלן פֿון משה קאַמאַנדאַ און איך טראַכט ביי זיך - דער דאָזיקער ייִד האָט דאָך אָפּגעלעבט אַ לעבן אין אַ מוזעום... ווי נעמט מען עפּעס, אין באַגין פֿון 20־טן י"ה, און מען באַזעצט זיך אין אַן אַלט־פֿרענקישן מוזעום? וואָס אַן איבערגעגעסענעם נגיד קען אַלץ איינפֿאַלן!

אויף די העכערע שטאָקן געפֿינען זיך די פּריוואַטע צימערן: דאָ הערשט אַן אינטימע שטימונג. דאָ ווערט אָפּגעהיט דער שלאָף־צימער פֿון ניסים, דעם טאַטן פֿון משה קאַמאַנדאַ, אויף דער וואַנט - אַ גרויסער געמאָלענער פּאָרטרעט פֿון טאַטן. אין די דאָזיקע פּריוואַטע רוימען זעט מען פּאָרטרעטן פֿון אַנדערע משפּחה־גלידער, צווישן זיי פֿון אַלטן אברהם שלמה קאַמאַנדאַ - דעם פּאַטריאַרך. פֿאַראַן דאָ אַ סך משפּחה־דאָקומענטן און חפֿצים וואָס דערציילן וועגן אָפּגעפֿלאָסענע יאָרן.

יאָ - פֿאַראַן דאָ אויך צוויי אַלטע סידורים אין פּראַכטבאַנד. אַ ייִד האָט דאָס איינגעהאַנדלט אַ מאָל אויף אַן אויספֿאַרקויף און שפּעטער אַוועקגעשענקט דעם מוזעום די סידורים - אַ מתּנה. ווען משה קאַמאַנדאַ זאָל וויסן, אַז סידורים האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין אַריסטאָקראַטישן פּאַלאַץ - איי, וואָלט זיך געטאָן חושך!!!

די מעשה איז אָבער, וואָס די דירעקציע פֿון מוזעום האָט געוואָלט דווקא אונטערשטרייכן דעם ייִדישן אָדער פֿון דער משפּחה און, אויף אַן הוספֿה, נאָך מודיע זיין די באַזוכער וועגן אימהדיקן סוף פֿון דער קאַמאַנדאַ דינאַסטיע.

גלייך ביים איבערטרעטן די שוועל פֿון אַלטן טייל קאַמעניצע באַגריסט אייך אַ מאַרמאָרענער טאָוול; אַ יזכּור־שריפֿט לזכר דעם לעצטן קאַמאַנדאַ־גליד; דאָרט שטייט געשריבן: -בעאַטריס ריינאַך, די טאָכטער פֿון משה קאַמאַנדאַ, לעאָן ריינאַך, איר מאַן, און צוויי קינדער - אומגעבראַכט דורך די נאַציס אין אוישוויץ.


**דער ייִדישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס**
**די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פֿון "חשבון"**

באַגריסן האַרציק די געזעלשאַפֿטלעכע טוער פֿריינד

**רחל און מענדל סלוצקי**
**פּראָפֿ. העני (הערשל) און קערל סלוצקי**
**העלען און יאַקוב אַסטראָוו**

צו זייער בשותּפֿותדיקער שׂימחה (חתונה־יובֿל) צוזאַמען 175 יאָר.

מיר ווינטשן אייך נאָך אַ סך יאָרן פֿון געזונט און פּרוכטיקער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט!

אליביידער / ירושלים

# אַפּאָריזמען

***

די דעמאָקראַטיע נישט זיין קען העכער
וויפל נישט שרייען ס'זאָלן מיילער
פון דעם באַשטאַנד און דעם ניוואָ
פון אירע וויילער.

***

קעמפן דאַרף מען פאַר דעם גליק,
די תורה מוז מען קענען,
עס וואָלט געווען אָבער געשיקט
וויסן מיט ווער...

***

די טראַגעדיע פון דער עלטער
איז נישט אין פעלן פון פאַרלאַנגען,
נאָר אין דער באַגרענעצקייט
זיי צו דערלאַנגען.

***

ווילסטו וויסן ווער דו ביסט?
זאָל אַזוינס דיר זיין באַשערט.
נעם זיך אויספילן דיין פליכט
וועסטו זען, וואָס דו ביסט ווערט.

***

חסרונות האָבן מענטשן פיל,
דאָס מוז מען אָנערקענען.
פריקרע זענען אָבער די
וואָס זענען ביי יענעם.

***

אויב עמעצנס באַשיידנקייט
פאַר מענטשן פרעמדע העלט,
איז דאָס אַ סמן
אַז זי פעלט.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049
Phone: (310) 820-2976 פאַרוואַלטונג "חשבון"

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* אַרטור לערמער: "און דאָך דעם מאָרגנרויט אָנטקעגן", עסייען, 418 ז'ז י.ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1999. הקדמה - ד"ר העשיל קלעפּפיש און אַ נאָכוואָרט פון יצחק לודען. אין די פיר הויפּט־קאַפּיטלען, וואָס נעמען אַרום אַן ערך פערציק עסייען: יידישער קיום און המשך; בונדיזם און בונדישע סילועטן; זכרונות און געשטאַלטן פון דער יידישער וועלט; סאָציאַליזם און מאָדערנע טעכנאָלאָגיע - באַהאַנדעלט דער מחבר אַ שלל מיט פּראָבלעמען פון פילאָסאָפיש, היסטאָרישן, סאָציאַל עקאָנאָמישן און קולטור־כאַראַקטער.

* Dr. Heszel Klepfisz: Przedowjenny Świat Przez Pryzmat Mlodego Żyda Polskiego. Eseje 1931-1937 Tel-Aviv 1999 rok.

ד"ר העשיל קלעפּפיש: "די פאַרמלחמהדיקע וועלט דורך דער פּריזמע פון אַ יונגן פּוילישן ייד" (אין פּויליש). 146 זז', עסייען, געשריבן אין די יאָרן 1931-1937. תל אביב 1999.

* פּיניע פּלאָטקין: "וועגן דער צייט און וועגן זיך" לידער. 128 זז', אַרויסגעגעבן דורך: יידיש קולטור־קלוב אין מערב־האָליוווד, קאַלפאָרניע 1999. רעדאַקטאָר - שמואל באַט. באַזונדערס טיילט זיך אויס איינעם בוך דער ציקל פון פונציק סאָנעטן.

* שמואל באַט: "פאַרן כבוד פונעם פאָלק", קינאָ־סצענאַר, יידיש און ענגליש, צוזאַמען 240 זז' אַרוסגעגעבן דורך מערב־האָליוודער יידישן קולטור־קלוב, קאַליפאָרניע 1999.

* "די צוקונפט" נומ. 4, אָקטאָבער־דעצעמבער 1998. אַרויסגעגעבן פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק. רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיע: חייםביידער, הערשל גלעזער, יאָסל מלאָטעק און יאָני פיין. פאַרוואַלטער - שלמה קרישטאַל.

"יידישע קולטור" נומערן 9-10 און 11-12, ניו־יאָרק 1998. חודש־שריפט פונעם יידישן קולטור־פאַרבאַנד. רעדאַקטאָר - איטשע גאָלדבערג.

* "אונדזער צייט" נומערן 3-4 און 5-6 1999 ניו־יאָרק. אָרגאַן פון קאָארדינירן־קאָמיטעט פון בונד. רעדאַגירט פון אַ קאָלעגיע.

* "לעבנס־פראַגן", סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, ווירטשאַפט און קולטור, תל־אביב מערץ־אַפּריל און מאַי־יוני 1999. רעדאַקטאָר יצחק לודען.

* "יידישע העפטן", נומערן 27 28 און 29-30, פּאַריז 1999. רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיע.

* "דוד האָפּשטיין פּרייז", בראָשור צום אויסטיילן די יערלעכע פּרעמיעס (1999) א.נ. פון גרויסן יידישן דיכטער, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די הײַ־יאָריקע פּרעמיעס האָבן באַקומען די שרייבער מיכאל פעלזענבאַום און שלמה שווייצער.

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב
## פרילינג־זומער 1999

* מוצאי שבת 27־טן מערץ, פּראָפ. וולאַדימיר מאַלאַמעד, לעקציע אד"ט: דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד נאָך סטאַלינען.

* מוצאי שבת 10־טן אַפּריל, לילקע מייזנער - לעקציע צו דער 50־טער יאָרצייט פון שרייבער מנחם באָרײשאָ. מוזיקאָלישער אינטערליוד.

* מוצאי שבת 17־טן אַפּריל: יזכור־אָוונט צום אָנדענק פון די העראָישע געטאָקעמפּער און די זעקס מיליאָן קדושים פון אונדזער פאָלק. מיט זיכרונות האָבן זיך געטיילט בעבע לעווענטאַל (ווילנער געטאָ) און יעקב לעווין (לאָדזשער געטאָ). דער אַרבעטער־רינג כאָר אונטער דער אָנפירונג פון מלכה שאו האָט אויסגעפירט אַ ריי געטאָ־לידער.

* מוצאי שבת 24־טן אַפּריל, אָוונט געווידמעט יידישע שרייבער אין לאָס־אַנדזשעלעס מיטן אָנטייל פון משה שקליאַר און פּיניע פּלאָטקין. אַרײנפיר און איבערזעצונגען אין ענגליש - מרים קאָראַל. יעקב לעווין און סיביל בענדער האָבן פאָרגעלייענט לידער פון מלכה חפץ טוזמאַן און שרה טרייסטער־מאָסקאָוויטש.

* מוצאי שבת 8־טן מאַי, פּראָפ. מאַרווין צוקערמאַן און זיין זון ד"ר פיליפּ צוקערמאַן האָבן זיך געטיילט מיט סאָציאָלאָגישע אָבסערוואַציס איבער אַ יידישער קהילה און אירע מאָדערנע אומוואַנדלונגען.

* מוצאי שבת 15־טן מאַי, לעקציע פון פסח מאַלעוויטש אד"ט: דער שפּראַך־פענאָמען "ישיבה־יידיש".

* מוצאי שבת 29־טן מאַי, משה שקליאַר וועגן דער שאַפונג פון גרויסן יידישן דיכטער אברהם סוצקעווער. דער באַליבטער אַקטיאָר יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט פון סוצקעווערס ווערק.

* מוצאי שבת 10־טן יוני, יעקב באַסנער: געשיכטעס, אַנעקדאָטן און ליטעראַרישע שאַפונגען וועגן כעלעם.

* מוצאי שבת 19־טן יוני, גאָלדי קאַהן, לעקציע וועגן יידישן הומאָר. געזאַנג בציבור אָנגעפירט פון מלכה שאו.

* מוצאי שבת 26־טן יוני. אָפּשלוס פונעם קולטור־סעזאָן מיטן אָנטייל פון באַקאַנטן חזן הערשל פאַקס און זיין פרוי יהודית, פּיאַנאָ־באַגלייטונג דזשעף סילווערמאַן. וועגן דעם פאַרגאַנגענעם יאָר אַרבעט און פּערספּעקטיוון אויף ווייטער האָט גערעדט די פּאָרזיצערין פון קלוב לילקע מייזנער.

נתן שטיינמאַן

# אַרכיוו־ווינקל

אינעם אַרכיוו־ווינקל וואָס מיר הייבן אָן דרוקן אינעם איצטיקן נומ. "חשבון" וועלן מיר ברענגען דערמאָנונגען וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין יידישן קולטור־קלוב מיט 50 יאָר פריער. פון דער כראָניק קומט אויף אַ בילד פון אַ רייכער און אַלזייטיקער יידישער קולטור־טעטיקייט, וואָס דאַרף נישט פאַרגעסן ווערן, הגם עס איז שוין פאַרביי זינט יענער צייט אַ האַלבער יאָרהונדערט. אין אונדזער היינטיקער טעטיקייט, אין וועלכער די פאַרגאַנגענהייט איז אַ שטענדיקע דערמוטיקונג, באַמיען מיר זיך ראוי צו זיין אונדזערע ווירדיקע פאָרגייער.

## שבת־צו־נאַכטן אין יאָר 49־1948

א) דעם 25טן סעפּטעמבער, 1948 איז דערעפנט געוואָרן דער 23טער זמן פון יידישן קולטור־קלוב. אינעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: דער חשובער דיכטער ה. רויזענבלאַט; די באַלאַדיסטין פייגעלע פאַניטש, אַקאָמפּאַנירט פון יודזשינא ברומא; נינא ראדינא, פידל־קינסטלערין, אַקאָמפּאַנירט פון גרשון קינגסלי, פאָרלייענונגען פון י.ל. פרץ - זיגמונד ליעוו. פאָרזיצער פון אָוונט י. פרידלאַנד.

ב) דעם 9טן אָקטאָבער, וואלן פון אַ פאַרוואַלטונג. פרעזידענט פון קולטור קלוב, ה. רויזנבלאַט, וויצע־פרעזידענט, אליהו טענענהאָלץ; מיטגלידער י. פרידלאַנד. ש. בריינין; יוסף זייד; מינא שוואַרץ; אייב שוואַרץ; מ.ל. קאָפּעלאָף; שלמה און ציליע צוקערמאַן; א. אייעראָף.

ג) משה לייב האַלפּערן געדענק אָוונט שבת דעם 16טן אָקטאָבער, באַטייליקטע:דער פּאָעט פינטשע בערמאַן; פייגעלע פאַניטש, מרדכי מייזל, שרה טייטלבוים.

ד) דעם 30טן אָקטאָבער, אַ פייערונג פון קולטור־קלוב, צוזאַמען מיט דער גרופּע הסתדרות עברית, לכבוד דער דערשיינונג פון ישראל אָסמאַנס העברעיש בוך "ספר הנסיונות". אין אָוונט באַטייליקן זיך: ש. טאַניס, משה ליבמאַן, דר. דינין, בנימין צמח, ישראל אָסמאַן. פאָרזיצער, ה. רויזענבלאַט.

ה) אברהם ליעסין געדענק אָוונט דעם 7טן נאָוועמבער. ה. רויזענבלאַט גיט אַ לענגערע אָפּשאַצונג פון ליעסינס שאַפונגען, שרה טייטלבוים לייענט פאָר פון ליעסינס שריפטן; י. אייבל אין ליעסינס לידער. י. פרידלאַנד, פאָרזיצער.

ו) דעם 13טן נאָוועמבער ווערט דורכגעפירט אַ יידישער פאָלקלאָר־אָוונט. ה. רויזענבלאַט האַלט אַ פאָרטראַג איבער יידישן פאָלקלאָר און יידישן פאָלקסליד. הערלד גרין טראָגט פאָר אַ ציקל פון יידישע פאָלקס און מאָדערנע לידער, אילוסטרירט דורך געזאַנג און מוזיק, מאַטילדא באַרשא אין באַגלייטונג. י. פרידלאַנד פאָרזיצער.

ז) דעם 20טן נאָוועמבער האָט חיים שויס, באַוווסטער געלערטער, געהאַלטן אַ פאַרטראַג איבער דער טעמע "וואָס איז אַזוינס מאָדערנע יידישקייט?" פאָרזיצער, מ.ל. קאָפּעלאָף.

ח) דעם 27טן נאָוועמבער איז אָפיציעל דערעפנט געוואָרן דער חודש פאַרן יידישן בוך, מיט דער מיטווירקונג פון דער "ביוראָ פאַר יידישער דערציונג".

ט) אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און ליטעראַטור־אָוונט שבת דעם 4טן דעצעמבער.

י) אָוונט פון יידישן בוך דעם 11טן דעצעמבער.

יא) דעם 18טן דעצעמבער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערלעכער קבלת פנים לכבוד דעם באַרימטן יידישן דיכטער חיים גראַדע. ה. רויזענבלאַט איז געוועזן פאָרזיצער, אסתר שומיאטשער האָט באַגריסט דעם גאַסט. הערלד גרין האָט פאָרגעטראָגן לידער פון גראַדען, מיט זיין אייגן־געשאַפענער מוזיק.

יב) דאָנערשטיק דעם 23טן דעצעמבער האָט חיים גראַדע געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין קלוב איבער דעם לעבן פון די יידן אין אייראָפּע. פאָרזיצער, יעקב אייבל.

יג) צאתך לשלום אָוונט מיט גראַדען: דעם 25טן דעצעמבער - אַ געזעגענונגס־וואָרט צום דיכטער פון די שריפטשטעלער: ה. רויזענבלאַט, ש. מילער, ישראל אָסמאַן. פאָרזיצער, י. פרידלאַנד. - חיים גראַדע רעדט איבער דער טעמע "די שליחות פון דעם יידישן שרייבער".

**- 1949 -**

יד) דעם 5טן יאַנואַר, אַ ליטעראַטור־אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון ל. מלאָך'ס בוך. אין אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: יעקב אייבל, שלמה האָכבערג, זלמן זילבערצוויַיג, דער

אַרטיסט אברהם זיגלבוים און לאַטי מלאך.
טו) דעם 12טן יאַנואַר, אַ קליינקונסט־אָוונט מיט דער באַטייליקונג פון דער יידישער פאָלקס־בינע, אונטער דער רעזשי פון בן־ציון גאָרדאָן. ס׳איז אויפגעפירט געוואָרן "ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" פון פרץ הירשביין, און "קאַסרילעווקער רעסטאָראַציעס" פון שלום עליכם.
טז) מאָריס ראָזענפעלד אָוונט דעם 29טן יאַנואַר.
י״ז) יעקב קאהן, באַוווסטער פאָעט פון ישראל האָט דעם 12טן פעברואַר דערפערירט איבער דער טעמע "דרייפאַכע אויפלעבונג פון פאָלק, לאַנד און שפּראַך". פאָרזיצער, ה. רויזענבלאַט. משה ליבמאַן באַגריסט דעם גאַסט.
יח) 60־יאָריקער יובל פון דעם ליטעראַטור קריטיקער און שרייבער נח שטיינבערג דעם 19טן פעברואַר.
יט) געזעגן־אָוונט מיט פייגעלע פּאַניטש צו דער געלעגנהיים פון איר אָפּפאָרן קיין ישראל אויף אַ באַזוך.
כ) מוזיקאַלישער קאָנצערט צו דער געלעגעהייט פונעם חודש פאַר יידישער מוזיק. דעם 26טן פעברואַר, אונטער דער דירעקציע פון העראָלד גרין, ווערט דורכגעפירט אַ מוזיקאַלישער אָוונט, מיט דער באַטייליקונג פון דער פּיאַנאָ־קינסטלערין, מיס פאָרטנאַי; שוירלי קאַרן, פידל.
כא) אַן אָוונט פון יידישער פּאָעזיע דעם 5טן מערץ. ה. רויזענבלאַט האָלט אַ פאָרטראַג איבער יידישער פּאָעזיע, ער לייענט פאָר פון זיין אַלבום אַ ציקל לידער, מיט קאָמענטאַרן. העראַלד גרין אין רויזענבלאַט לידער.
כב) מלכה חפץ טוזמאַן בוך־פייערונג דעם 2טן אַפּריל.
כג) י.ל. פרץ אָוונט דעם 9טן אַפּריל, געדענק אָוונט פון אונדזער קלאַסיקער י.ל. פרץ. צו דער געלעגעהייט פון 200־יאָריקן יובל פון חסידיזם, רעפערירט משה ליבמאַן, באַוווסטער געלערטער און פעדאַגאָג.
כד) מוזיקאַלישער קאָנצערט פון דער יוגנט־גרופּע ביים קולטור־קלוב. דעם 16טן אַפּריל, איז אויפגעטראָטן דער יונגער טאַלאַנטירטער פּיאַנאָ־קינסטלער פאַלעק אין אַ צאָל נומערן, מיט וועלכע ער האָט אַלעמען באַגייסטערט.
כה) קבלת פנים פאַר דער דיכטערין ציליע דראַפּקין דעם 23טן אַפּריל.
כו) אַ פרילינג־אָוונט דעם 30טן אַפּריל, ערב ערשטן מאַי.
כז) פייערונג צום געבוירנטאָג פון מדינת ישראל דעם 7טן מאַי.
כח) שלום עליכם אָוונט דעם 21טן מאַי, דער דיכטער ז. ווייַנפער, טרעט אויף מיט אַ רעפעראַט וועגן שלום עליכם, אַלס מענטש און הומאָריסט. ה. רויזענבלאַט דערציילט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון זיינע באַגעגענישן מיט שלום עליכמען.
כט) אלגעמיינע פאַרזאַלונג דעם 21טן מאַי.
ל) דעם 11טן יוני איז פאַרגעקומען אַן אָוונט צו דער געלעגנהייט פון דער דערשיינונג פון י. פרידלאַנדס בוך "רוי־ערד", אַרויסגעגעבן פון י. פרידלאַנד בוך־קאָמיטעט, אַן עולם פון אַרום 300 קלוב־מיטגלידער, נאָענטע פריינט און געסט קומען מקבל פנים זיין דאָס ניי־דערשינענע בוך.
לא) דעם 18טן יוני, האָט העראַלד גרין, באַוווסטער מוזיקער און עמוד־קינסלטער, געגעבן אַ פאָרטראַג איבער מוזיק, אילוסטרירט מיט געזאַנג און פּיאַנאָ־באַגלייטונג. ה. רויזענבלאַט, לייענט פאָר פון זיינע נייע לידער.
לב) אָפּשלוס פון 23טן זמן דעם 15טן יוני ווערט געפייערט דער אָפּשלוס פון זמן קלוב־אַקטיוויטעטן מיט אַ פּרעכטיקן קינסטלערישן פּראָגראַם. ה. רויזענבלאַט, פּרעזידענט פון קלוב, פירט אַן מיטן אָוונט. זיגמונד ליעוו, דער פיינער פּאַרלייענער רעציטאַטאָר, אין אייניקע נומערן פון אונדזערע קלאַסיקער. הערולד גרין, אין אַ ציקל פאָלקס־לידער, באַגלייט פון נעמי וואָלפענסאָן, ווי כסדר, ביי געדעקטע טישן, אין אַ פייערלעכער יום־טובדיקער אַטמאָספערע.

* * *

חוץ די דערמאָנטע שבת־אָוונטן זענען פאָרגעקומען צוניפטרעפן יעדן דאָנערשטיק א.ג. "רונדער טיש־שמועסן". עס האָבן זיך באַטייליקט: דער ליטעראַטור־קריטיקער נח שטיינבערג; דוד ברידזשער; ה. רויזענבלאַט; אַ וויסבוים (מעקסיקע); פינטשע בערמאַן; הערולד גרין; שמערקע קאַטשערגינסקי און י. פרידלאַנד.

געזאַמלט דורך
יוסף סאַסקי

# געשאַפֿן אַן אָפּטיילונג אין דער וואַלי פֿון ל.א. יידישן קולטור־קלוב

לויט דער איניציאַטיוו פֿון יוסף און העלען סאָסקי, מיט דער מיטהילף פֿון ריי שאַפּיראָ, זענען פֿאָרגעקומען אייניקע באַראַטונגען פֿון אַן ערך 15 פּערזאָן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו שאַפֿן אין דער וואַלי אַן אָפּטיילונג פֿון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב. עס זענען שוין געווען צוויי צונויפֿקומען אינעם גרויסן זאַל פֿון דעם טעמפּל "עדת אריאל" אין נאָרט־הוליוווד.

די פֿייערלעכע דערעפֿענונג פֿונעם קלוב־אָפּטייל איז פֿאָרגעקומען דאָנערשטיק דעם 6־טן מאַי ד.י. ריי שאַפּיראָ האָט געעפֿנט און אָנגעפֿירט דעם אָוונט, ווי אויך גערעדט וועגן די פּלענער אויף דער צוקונפֿט. יוסף סאָסקי האָט גערעדט וועגן דער געשיכטע פֿון דעם יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס און נאָך דעם האָט משה מעלניק געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטע לעקציע וועגן לעבן און שאַפֿן פֿון י.ל. פּרץ. חנה בעלל האָט געזונגען יידישע לידער און זיך אַליין באַגלייט מיט מוזיק אויף דער פּיאַנע. עס זענען אָנוועזנדיק געווען 130 פּערזאָן.

דאָנערשטיק דעם 3־טן יוני איז פֿאָרגעקומען דער צווייטער אָוונט מיט דער באַטייליקונג פֿון סיבעל בענדער, וועלכע האָט פֿאָרגעשטעלט פֿאַרשיידענע סצענעס פֿון יידישן טעאַטער. דער עולם (160 פּערזאָן) האָט שטאַרק אַפּלאָדירט.

מיר האָבן שוין צוגעגרייט אַ פּראָגראַם צו דער דערעפֿענונג פֿון נייעם סעזאָן.

דאָנערשטיק דעם 7־טן אָקטאָבער 7:30 וועט זיין אַן אָוונט געווידמעט דעם חזן און פֿאָלקס־זינגער סידאָר בעלאַרסקי. עס וועלן אויפֿטרעטן דער חזן דזשעף כהן (טעמפּל עץ חיים, טויזנט אוקס) און מלכה שאו (דיריגענט פֿון אַרבעטער־רינג כאָר).

דאָנערשטיק דעם 4־טן נאָוועמבער 7:30 אָוונט וועט די באַגאַבטע לערערין און לעקטאָרין גאָלדי קאהן רעדן וועגן ערשטן יידישן אַדמיראַל אין אַמעריקאַנער ים־פֿלאָט יוריה פֿיליפּ לוי.

דאָנערשטיק דעם 2־טן דעצעמבער 7:30 – אַ חנוכה־אָוונט מיט דער באַטייליקונג פֿון פּראָפֿעסאָר מאַרווין צוקערמאַן (דין פֿון וואַלי קאָלעדזש).

י.ס.

אַלע פּראָגראַמען קומען פֿאָר אין
Adat Ari El - Farber Auditorium
12020 Burbank Blvd., North Hollywood, 19607

---

אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפֿט אין די מערב־שטאַטן פֿון אַמעריקע

*זייט באַגריסט! צום ווערן תושבים אין לאָס־אַנדזשעלעס*

## דוד און ריטאַ ראָזענטאַל

באַוווּסטער היסטאָריקער פון פוילישן יידנטום, טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט און ווויל באַקאַנטער אַקטיווער און פירנדיקער טוער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. צום נייעם יאָר ווינטשן מיר אייך דערפרישנדיקע כוחות, ווייטער אָנגיין מיט אייער פובליציסטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין אייער נייער היים.

**יידישער קולטור־קלוב אין ל.אַ.**

פאַרוואַלטונג

**"חשבון" רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע**

---

צום 50־טן געבוירנטאָג פון אונדזער טייערן פריינד,

ליבהאָבער און שטיצער פון יידיש

## שעלבי שאַפּיראָ

וואַרעמסטע ווונטשן פאַר אַ גליקלעכער צוקונפט!

**יידישער קולטור־קלוב, ל.א.**

**"חשבון", רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע**

---

**דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס**

דריקט אויס אַ דאַנק אונדזער לאַנגיאָריקער מיטגלידערין און קולטור־טוערין

## מאַניע שראָגין

פאַר איבערגעבן אונדז די "לעבעדיקע ירושה"

אין דער הייך פון 3000 דאָלאַר פאַר יידישער קולטור־אַרבעט.

מאַניע טייערע – זייט מיט אונדז נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן!

# דער דיסטריקט קאמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join now!

**ARBETER RING/**
**THE WORKMEN'S CIRCLE**
1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035
(310) 552-2007



## לאָס אַנדזשעלעסער
## יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם*

**תכלה שנה וקללותיה**
**תחל שנה וברכותיה**



ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צווייג

**טשענקין ווייסבערג, פרעז.**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן צו די שרייבער,
אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט
געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפרייטן און פּאָפּוליאַריזירן די
קולטור־אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

---

**לייענער, שמחה און משפחה**

---

**הירש, צבי און טאָני** –
צו משפחה, פריינד און מיטגלידער פון יידישן קולטור קלוב
שנת ברכה והצלחה

---

**סלוצקי רחל און מענדל**

---

**יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס**
ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

**אירענע אייקין – סעק**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**סילבער, אַדעל און אייזיק**

בעסטע ווונטשן פאַר אַ גוט, געזונט יאָר,
שלום אין ישראל און און דער וועלט!

---

שנה טובה - אַ גוט געזונט יאָר צו אַלע אונדזערע פריינד און
צו דער יידישער שרייבער־משפחה פון לייוויק הויז אין ישראל

**שיין, אַן און לוסי**

---

**קאַפּלאַן, רחל און דוד**

---

בלושטיין, שרה

---

טייטעלבאַום, שיפרה

---

מייזנער, לילקע און שלמה

---

שאַפּיראָ, ריי און מאַרטין

---

ד"ר שייפער, בענסאָן און דאַנאַ - פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

---

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

ד"ר בורסטאָן, הערשל

גאָטעסמאַן,ביילע

דזשערוס, גרשון און ראָז

ווייס, עדנא

וועלטמאַן, פראַניע

זעלמאַן, קובא און אסתר

לובין, דוד און משפחה

לעווין, רעגינאַ און יעקב

לעווין, ען און דזשעק

לעווענטאַל, בעבע און לי

מאָסקאָוויטש, שרה און איציק

סאָסקי, העלען און יוסף

סטעמפעל, טינא

סייד, עטל

סמיט, טייבל קאהן

ד"ר פישמאַן, בערט און בעטי

ד"ר פישמאַן, שיקל, געלע און משפחה

פיילי, אהרון

פעלנער, פייגע און מאַראָקאָ משה

פערטשיק, טערעסא

פרידמאַן, חיה - *אין אונדענק פון מיין מאַן, גרשון*

קאַרפ-לעפקאָוויטש, סימאַ

קרישטאַל, שלום - *אין אונדענק פון מיין פרוי, מאַלי*

שאַרף, עלסי און לאַרי

שוואַרץ, רעניי - *אין אָנדענק פון שלמה שוואַרץ, שיקאַגאָ*

שייפער, יעקב און דאָראַ

שלאָסער, נעכאַ

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פֿריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַלפּער מאַקס
באַלבער, מאַרק און אַנאַ
בורמאַן, געניע און אלבא, ווילי
הענדל, שלמה
הענלי, מאַשאַ
הערבסט, גרשון
הערבסט, מרים און הערשל
טשעסנין, פּימאַ און רחל

לאַקס יוסף און לאה
ליפּשיץ, אסתר
מאַלעוויטש, זעלדע און פּסח
ניומאַן, דניאל און אליס
סלוצקי, אברהם און עוגעניא
פּערלסאָן, רחל
צוקערמאַן, מאַרווין און קאַטאַרינאַ
קאהן, גאָלדי

באַסנער, יעקב
גודמאַן, קעי
גילינסקי, ליובאַ
ד"ר האַדאַ, דזשאַנעט
זאַלען, ריטשאַרד
פלאַם, גילאַ
רייך, פּיליפּ

סאַפּאַדי, מיכאלה
שווייצער, לאה
שאַ, מלכה און מעני
שטיינמאַן, נתן
שלאָסמאַן, לינעט
שקליאַר, משה און דבורה

---

(סוף פון זייט 5)

גולם יאָסיף סטאַלין, וואָס האָט זיין נשמה פאַרלוירן און זיך אַליין פאַרניכטעט, אונטערהאַקנדיק אויפן וועג אַ גאַנצן צווייג פון דער אויפבליענדיקער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט יידישער ליטעראַטור און קולטור. און אַזוי זענען מיר פון די אַשן אויפגעשטאַנען ווידער און אין סאַמע מיט פונעם בלוטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז אויפגעקומען די יידישע מדינה אויפן אוראַלטן באָדן פון אונדזערע אבות. און הגם זי ראַנגלט זיך כסדר פאַר איר עקזיסטענץ, מדינת ישראל, באַוווּנדערט די גאַנצע וועלט איר רעשיקע אַנטווירלונג – אין כמות און אין איכות – און מיר קוקן מיט צוטרוי און גלויבן אין איר צוקונפט ווי דאָס שיינדל פונעם וועלט־יידנטום.

מיר קוקן אויך מיט צוטרוי און גלויבן אין דער צוקונפט פון דער וועלט אויפן שוועל פונעם יאָר 2000. וואָס אַמאָל בייע האָריזאָנטן עפענען זיך פאַר אונדז – ווערטלעך און מעטאַפאָריש – מיר גרייכן אין די הימלען אַדאַנק די קאָסמישע שיפן און וועלן זיכער גרייכן אַלץ העכער און העכער! און דאָ, אויף אונדזער זינדיקער ערד איז אויך פאַר דער טעכנאָלאָגישער אַנטוויקלונג נישטאָ קיין גרענעץ און סוף כל סוף וועט זי ברענגען ווילשטאַנד פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווען שלום וועט באמת זיין די פרייד און טוגנט פון דער נשמה! מיט דעם באַוווּסטזיין און דעם ווונטש גייען מיר אַנטקעגן דעם 21־טן יאָרהונדערט.

מ.ש.